בס"ד

# קרית ברסלב

שנה ה'

**פרשת שופטים**

נומער 279



## נייע ווינקל

עירנו

פונעם הנהלה טישל

א ווארט צוויי

**ווענענס טאטע ביסטו**

קוק אהער

**א פלאץ פון שטרוי**

געדאנקען

**באגעבן מיט באגעבן, אדיסי מיט אדיסי**

שבת טיש

**פרשת עקב תשפ"ה**

# ברוך אתה בצאתך

## א זומער צו געדענקן



קרית ברסלב בלעטל

פרשת שופטים תשפ"ה • 279

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

צו אדווערטייזן אדער ארייַנשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייַנצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

פייער קרעקערס 7



זיסער תהילים 12



הלכות קידוש 21



8 בריוו פון ראש ישיבה
14 שבת טיש
25 ברסלב'ע שטוב
35 קינדער בלעטל

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

## זמנים
שופטים ו' אלול

הדלקת הנרות . 07:18
מוצאי שבת ..... 08:47

**מנחה מעריב**
**פרשת כי תצא 8:25**











Men & boys shoes | We accept shoe vouchers

845.662.8423 יואל וועבערמאן

73 Huschke Rd, Liberty, NY 12747

UPPER SHOES

EST 2023

*sruliHeskel

# אירנו

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## וואס איז נייעס

א לאנג פארצויגענע מיטינג איז פארגעקומען פארגאנגענע וואך אינערהאלב די הנהלה ווענט מיטן באטייליגונג פון דער ראש ישיבה שליט"א (וואס איז אגב נישט די ערשטע מיטינג דעם זומער אליין). וואו אויך איז געווען ביים מיטינג דער נייער חבר הנהלה מו"ה משה ראזענבערג הי"ו.

מען איז איבערגעגאנגען פארשידענע וויכטיגע נושאים אנבאלאנגט די שנעלע וואוקס פון די שטעטל. צווישן זיי האט מען דורכגעטון, וויאזוי מען זאל בויען נייע הייזער אין די צוקונפט, וויאזוי מען קען עס מאכן בעסער און ביליגער פאר אנשי שלומינו.

ווי אויך האט מען א לענגערע צייט אויסגעשמועסט און איבערגעגאנגען די איצטיגע רענט פרייזן וואס די הנהלה ערלויבט צו בעטן, אויב די פרייז דארף שוין ווערן געטוישט אדער קען בלייבן אזוי ווי ביז יעצט.

מען האט גערעדט פון קהילה פראיעקטן אויף וואס מען ארבעט אין די טעג, ווי למשל די בית החיים, די בית השחיטה. מען האפט צו קענען האבן מער אפדעיטס אין די נאנטע טעג מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

אויך איז מען איבערגעגאנגען די דעטאלן פון די נייע שטאקן וואס מען ארבעט יעצט צו

## מער ווי טויזנט ווערטער



מיטינג איבער די שחיטה מיט די חשובע אחים פעלבערבוים נרם יאיר



ביים איבערגיין מיטן דיין שליט"א פרטים פון הלכות שחיטה

## מודעות והערות

פרייליכע אפדעיט פאר אנשי שלומינו וואס וואוינען אין די ווילעדזש. אין די טעג ארבעט מען פיבערהאפטיג אין די הנהלה ווענט פארן עירוב אין די ווילעדזש.

עס איז נישט קיין גרינגע ארבעט אהערצושטעלן אן עירוב אויף אזא גרויסע געגנט, מען רעדט דא פון א ריזן שטח, וואס מען דארף אריינעמען אינעם עירוב, אבער מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען זיך נישט אפשטעלן ביז מען וועט האבן א כשר'ע עירוב, וואס דאס וועט גאר שטארק ארויסהעלפן אלע איינוואוינער.

מיר האפן צו האלטן דעם עולם אינפארמירט.

ארויפבויען אויף די חדר בילדונג אויף 39 טשעסטנאט, וואס צוליב מאנגל אין פלאץ האט מען געזיכט א לעזונג וואס וועט העלפן פאר דעם קומענדיגן זמן הבא עלינו לטובה, און נאכן בעטן דעם אייבערשטן דערויף איז מען אויפגעקומען מיט דעם געדאנק ארויפצוציען נאך א שטאק אויפן יעצטיגן בנין.

גלייך נאכן מיטינג האט מען זיך גענומען ארבעטן אויף די שחיטה פראיעקט, מען האט זיך געזעצט צום טיש מיט די חשובע ברודער אחים פעלבערבוים וואס זיי גייען ארבעטן פאר די שחיטה, און מען איז איבערגעגאנגען די פרטים וואס עס פעלט אויס מען זאל טון כדי די שחיטה זאל צושטאנד קומען מכח אל הפועל. פרטים יבואו אי"ה.

# א ווארט צוויי

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלעך

בלעטל שטאב

## אן-רופן באקאנטע

"די תירוץ מיט וואס יעדער קומט צו לויפן יעדעס יאר ביים קאמפיין זאגנדיג 'איך האב נישט קיין קאנטעקטס' איז א פארגאנגענהייט, איינער האט דיך געהייסן רופן מענטשן? גיי נאך געלט ביי די הייזער און בתי מדרשים מיט א שטארקקייט און דו ברענגסט אריין גרויס געלט.

אין די וואך פון די קאמפיין האב איך באקומען איין פופציגער פון רופן מענטשן, און איבער דריי א האלב טויזנט דאלער פון ארומגיין דרייסיג שעה אין די הייזער און שולן..."

**(הרב יחזקאל שארף שליט"א אינעם ברסלב'ע ברודער שמועס)**

## ניש אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט

מ'לערנט אסאך מאל אין חז"ל און אין ספרים הקדושים אז דער אייבערשטער מאנט איין פונעם מענטש און שטראפט אים אויף זיינע עבירות אויף די וועלט אז אויף יענע וועלט זאל ער נישט דארפן ווערן געשטראפט נאר זוכה זיין צו אלע תענוגים פון גן עדן, די וואך ביים זוהר שיעור שבת צופרי האט דער ראש ישיבה געלערנט פון דוד המלך ווי ער בעט דעם אייבערשטן ער זאל אים שטראפן אויף די וועלט אז אויף יענע וועלט זאל ער נישט דארפן גיין אין גיהנום וכו', האט דער ראש ישיבה געזאגט א מורא'דיגע יסודות'דיגע חידוש אין תפילה, אז ער בעט דעם אייבערשטן ער זאל אים נישט שטראפן נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, ער בעט איבער דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל און בעט ער זאל נישט באקומען קיין עונשים, און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "און תפילה פועל'ט..."

**(יואל שניצלער אין א שמועס)**

## ווען מען טאטע ביסט

"אז דו גייסט היינט אריין אין א געשעפט, די עלטערע אידן דארט וואס האבן שוין ווייסע הארעלעך גייען דיך פרעגן 'ווען מען ביסט', אבער די נייע דור איז נישט אינטערעסירט, זיי גייען דיך פרעגן ווערלכע קאר דרייווסטו...

אדער אפשר אנשטאט דיך פרעגן ווער דיין טאטע איז גייט מען דיך פרעגן ווער דיין זין איז..."

**(אשר לעמיל זוסמאן אויף קרעמער)**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

## רחמנות'דיגע שלומי

"מיין מאמע פארציילט מיר אז א ווייבל האט זיך אויסגערעדט אויף איר מאן, ער האלט נישט ביי גארנישט, שלאפט אריין ביז פירע נאכמיטאג, לייגט נישט אריין קיין פינקי אין קאלט וואסער, זי האט געשפירט ווי זי קען נישט מער, האט זי זיך גע'גט.

דער מאן האט חתונה געהאט א קורצע צייט שפעטער, און זי האט געקענט די פרוי וואס האט חתונה געהאט מיט איר געוועזענע מאן, אין די פרישע ווייבל פלעגט דערציילן דא דארט אז איר מאן העלפט, ער לערנט מיט די קינדער וכו', און די פרוי האט זיך אלץ געוואונדערט 'איך געדענק דאך אים, ער האט דאך נישט געהאלטן ביי גארנישט...'

אמאל האבן זיי גערעדט וועגן אויפשטיין שפעט, האט די ווייבל זיך אנגערופן (לאמיר זאגן ער האט געהייסן שלומי): Pour Shloimy, he's getting up so late...

(אזא רחמנות אויף מיין מאן שלומי, ער שטייט אויף אזוי שפעט), האט זיך געטראכט: 'דאס איז די חילוק צווישן מיך און איר...

**(שיעור פאר די אידישע שטוב)**

# מעשיות פון תפילה



**אשר לעמל זוסמאן**

איך האב געהאט צו טון מיט א קאמפאני וואס האט מיר צוגעלייגט פון איין טאג אויפן צווייטן 50% טשארזש. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון, עס איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן, איך האב ממש געטאפט א וואנט. וויפל איך האב פראבירט זיין מסביר זיין, האבן זיי זיך נישט גערירט, און געזאגט אז דאס איז די נייע טשארזש, איך האב ממש געטאפט א וואנט.

איך האב אזוי געוויינט צום אייבערשטן אז זיי זאלן טוישן זייער מיינונג און עפעס זאל געשען, איך האב זייער זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל ווערן אראפגענומען. אזוי איז אנגעגאנגען א שטיק צייט וואס זיי האבן יא געטשארשט.

פלוצלונג איין טאג שיקט מיר איינער פון די ארבעטערס אין די קאמפאני א מעסעדזש, ער פרעגט מיר "אפשר ווילסטו באצאלן די ארדער און איך נעם אראפ די טשארזש". איך פרעג אים אזוי פארווינדערט דו "קענסט עס אראפנעמען", זאגט ער "יא, יא איך נעם אראפ די גאנצע זאך". און ב"ה ער האט עס אראפגענומען.

---

**שלמה הערש פערל**

שכח אייבערשטער איך בין געקומען לערנען אין ישיבה אין אמעריקע, איך האב באקומען א וויזה אריינצוקומען אויף 3 חדשים און ווען עס ענדיגט זיך דארף איך אוועקפארן פון אמעריקע. אבער אזוי ווי מיין טיקעט איז געווען אויף מער פון 3 חדשים האט מען מיר געזאגט אז איך דארף ארויספארן פון אמעריקע און נאכדעם קען איך ווייטער בלייבן דא.

איך בין טאקע ארויסגעפארן קיין קאנאדע אויף אפאר טעג, אבער ווען איך בין צוריק געקומען האט מען מיר געזאגט אז ביז 2 וואכן דארף איך אוועקפארן פון אמעריקע. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון, איך האב פראבירט צו טוישן א טיקעט איך זאל קענען ארויס פארן פריער, אבער עס איז נישט געווען קיין פלאץ אויף קיין איין פליגער.

נאך אסאך תפילות פון מיין גאנצע משפחה און נאכן זיך נאכפרעגן וואס צו טון האט מען מיר געזאגט אז איך דארף נאכאמאל ארויספארן פון אמעריקע פאר עס ענדיגט זיך די 3 חדשים, און צוריק קומען נאך אפאר טעג, און זיי ווייזן אז איך האב א טיקעט אויף ארץ ישראל, אזוי וועט מען מיר צוריק אריינלאזן. מען האט מיר אויך געזאגט אז אויב קום איך צוריק מיט א פליגער וועלן זיי מיר גרינגער ארייננלאזן. אבער איך האב נישט געהאט קיין חשק צו פארן מיט א פליגער וועגן שמירת עיניים.

למעשה איך בין נאכאמאל ארויסגעפארן קיין קאנאדע, ביים אנקומען אהין בין איך געגאנגען צום ציון אין טאהש און מתפלל געווען אז אלעס זאל אריבערגיין כשורה. שכח אייבערשטער מען האט מיר צוריק ארייגעלאזט אין אמעריקע אן קיין שום פראבלעמען.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com 845-445-7447



## פייער קרעקערס

### שאלה

**ביי די גוי'אישע חגא, האב איך געזען פון דערווייטענס ווי עס שיסן ארויף "פייער קרעקערס" אין אלע קאלירן און פארמען. איך האב צוויי שאלות, איינס וויאזוי מאכט מען די פייערן אין אזויפיל קאלירן, און מיין צווייטע שאלה איז, וואס פאסירט מיט'ן "פייער קרעקער" נאכדעם וואס עס לעשט זיך אויס?**

**יצחק ראזענבוים**

### ענטפער

זייער א גוטע שאלה.

פייער קרעקערס באשטייען פון קליינע פעקלעך אנגעפילט מיט ברענשטאף שטויב און מינעראלן. ווען מען צינדט עס אן, פאסירט א קליינע אויפרייס וואס ווערט ארויפשיסן דעם פייער קרעקער הויך אין די לופט, און ווען עס קומט אן צו א געוויסע הויכקייט רייסט אויף די ברענשטאף פון אינעווייניג.

אינעווייניג געפונען זיך קליינע באליס אנגעפילט מיט כעמיקאלן און מינעראלן, לויט די סארט קאלירן וואס מען וויל אז די פייער זאל זיין. סטראנטיום וועט מאכן די פייער רויט, באריום גרין, קופער בלוי, סאדיום געל; פאר ווייס און זילבער וועט מען נוצן אלימינום, אייזן אדער מאגניזיום. אזוי אויך וועט מען נוצן א געמיש פון עטליכע מינעראלן צו מאכן פארשידענע אנדערע קאלירן, צום ביישפיל סטאנטיום און קופער פאר פורפל, און אזוי ווייטער.

עס איז זייער אינטערעסאנט צו קוקן אויף די שיינע קאלירן און אויפרייסן, און עס קען זיך דאכטן אז זיי זענען "די זאך" זיי "האבן עס", אבער ווי דו זאגסט, "וואס פאסירט מיט דעם ווייטער?" איז אסאך א שטערקערע שאלה. און ווי דו ברענגסט ארויס אין די שאלה בלייבט גארנישט איבער דערפון.

און וויבאלד עס איז שוין דורך עטליכע וואכן זינט די אמערקאנער חגאות, טראכט שוין קיינער אפילו נישט דערפון. קיינער האט שוין נישט קיין הנאה דערפון. עס איז געבליבן דערפון א "גרויסע גארנישט".

און צו ענטפערן דיין צווייטע שאלה, לאמיר דיר צוריק פרעגן. איך צינד אן א לעכט, איך זעה ווי עס ווערט קלענער און קלענער, וואס האט פאסירט מיט'ן ליכט, וואו איז עס געגאנגען? דער ענטפער איז אז עס ווערט פארברענט און פארוואנדעלט אין רויך און גאז, און ווערט אויסגעמישט מיט די לופט.

די זעלבע זאך פאסירט מיט די פייער קרעקערס, עס ווערט אויס. נישט ממש "אויס" עס ווערט לופט.

ווען מען גייט צוריק זעט מען אז פייער קרעקערס האט זיך אנגעהויבן טאקע ביי די כינעזער אין טשיינע, עס פלעגט ווערן געניצט פאר זייער פייערונגען. מיט די צייט איז עס אריבער צו די גאנצע וועלט.

פארשטייט זיך אז דאס איז פונקט גוט פאר די אומות העולם, וואס האבן נישט קיין אנדערע וועג וויאזוי אויסצודרוקן זייער פרייד, נאר מיט די צייטווייליגע הנאות. זיי האבן נישט קיין תורה ומצות וואס קען זיי פרייליך מאכן.

אויב דו זעסט גרויסע טראקס, די גאס דרייט זיך איבער, מען הערט קולות, עס הענגען גרויסן פלאקאטן איבעראל. אויב וועט עס מיר נישט ברענגען צום אייבערשטן, עס וועט מיר נישט דערמאנען אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, איז עס פוסטע נארישקייטן. נישט קיין חילוק ווי מעכטיג עס זעט אויס.

לאמיר לויפן שנעל צום חומש, צום תהלים, צום משניות און גמרא, אנטון א ציצית, זיך פרייען מיט די פיאות, געבן א טאנץ "ישר כח אייבערשטער איך בין א איד", דאס בלייבט אויף אייביג.

**פאר א תענוג'ל פון פופצן מינוט.**





# מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ גֶטְ'ן רח"ל!

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן אַ זִיס גֶעשְׁמַאק לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵּים צוּ זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם צְוֵויי אוּן דְרַייסִיגְסְטְן מָאל, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵּק דָא אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.**

**מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ יֶעצְט גֶטְ'ן, אוּן אִיךְ דַארְף חִיזּוּק פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין וַוייבּ וִוי אַזוֹי דָאס צוּ הַאנְדְלֶען.**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ וֶוען קִינְדֶער דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין וֶוען טַאטֶע מַאמֶע גֶטְ'ן זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן גֶטְ'ן זִיךְ. דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן נָאר פוּן זִיךְ; דֶער טַאטֶע טוּט וָואס אִיז אִים בַּאקְוֶועם אוּן דִי מַאמֶע טוּט וָואס אִיז אִיר בַּאקְוֶועם, קֵיינֶער פוּן זֵיי טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער.

בַּיי דִיר אִיז דָאס אַבִּיסְל גְרִינְגֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעגְרֵייט דַיין רְפוּאָה פַאר דִי מַכָּה, דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה יג ע"ב; שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ד, יב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי מַכָּה פַאר עֶר גְרֵייט צוּ דִי הֵיילוּנְג דֶערְצוּ; דָאס אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ לֶעבְּסְט אַזוֹי שֵׁיין, דוּ לֶעבְּסְט אַזוֹי זִיס מִיט דַיין וַוייבּ - דָאס אִיז דַיין רְפוּאָה אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען דַיין עֶלְטֶערְנְס שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ; אִיר זָאלְט לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן. אִיר וֶועט אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ וַוייל אִיר וֵוייסְט דָאךְ יָא וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען זֵיי זֶעעֶן מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן וִוי מֶען פַארְבְּרֶענְט זֵייעֶר בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וִוי מֶען צֶעבְּרֶעכְט זֵייעֶר טֵייעֶרְסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

וָואס יָא? דוּ זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיינֶע יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, זֵיי לִיגְן נָאךְ אָנְגֶעלַיינְט אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, פַאר זֵיי אִיז יֶעצְט גָאר בִּיטֶער; וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז פַאר דִיר אִיז דָאס פַאר זֵיי אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער, זָאלְסְטוּ זֵיי עֶפֶענֶען דַיין טִיר, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ זֵיי קֶענֶען קוּמֶען רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן אוּן בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עצתו אמונה שופטים תש"פ)

# ומשפיע מצוות תפילין

פון טיפן הארצן טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן ברכת מזל טוב פאר ידידינו

## מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

צו די שמחת הבר מצוה פון זיין חשובן זון

## כמר יצחק נרו יאיר למזל טוב

עס איז נישט קיין סוד אז ר' שבתי האט א
געוואלדיגע ווארימקייט צו יעדן צוועק וואס איז
נאר דא ביי אונז אין די קהילה, אלץ איז ער גרייט
צו העלפן מיטן גאנצן הארץ און געפיל, שוין פאר
די לעצטע פיפצן יאר כולם שוים לטובה. דער
אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אסאך נחת
פונעם בר מצוה בחור, און פון אלע קינדער
געזונטערהייט, און ווייטער האבן די כוחות צו
העלפן דעם הייליגן רבינ'ס קהילה.
ווי עס וואונטשט,

הנהלה

קהילת
היכל הקודש ברסלב
אומאן

# געדאנקען

## באגעבו מיט באגעבו, אדיסי מיט אדיסי

איר ווילט דאך אלעמאל מען זאל שרייבן פון די קליינע אותיות.

איר ווילט דאך וויסן וואס איז די כונות פון אלול.

משה פייער איז א פייערדיגער פלאמעדיגער כאראקטער, א קאכעדיג שטיקל. זיין זיידע אין דער אלטער היים איז געווען זלמן פלאמעדיגס, נאכ'ן קריג האט מען געטוישט די נאמען פון פלאמעדיגעס צו פייער.

משה פייער שפרינגט ארויס פון בעט יעדן דרייע צופרי, טאנץ ארויס פון בעט ווי א פייער, האלבער פירע זיצט ער און הארעוועט מיט א ברען.

צען צו זעקס טוט ער זיך אן די ספעציעלע ריפסענע יארמולקע, נעמט ארויס דעם טלית'ל און זאגט ברכי נפשי פון סידור'ל. די קוואדערס פאר די משולחים שטייען גרייט פער פיר אין א טורעם.




די וואס קלאפן אויפ'ן בלעמער "מורי ורבותי היינט איז באשטימט" באקומען א קריספי צווייער.

א פייער איז א פייער, קענסט גארנישט טון, משה פייער גייט אויך מיט די "עזר ל'קארווינג סטעישן על ה'שבת באווארפן" פושקע בייטל, משה פייער זאגט אויך נאך עלינו פאר וועמען מען גייט היינט עסן דעלקעלעך מיט מאטיאש.

משה איז פון די מענטשן וואס די וואס לעבן נעבעך מיט קנאה טראכטן אז משה פייער האט עס, אלעס גייט אים. לערנען, דאווענען, ביזנעס, שידוכים. אלעס פארט ווי א פידל ב"ה.

איין טאג, ארויסגייענדיג פון אפיס, דארט נעבן בארא פארק, ביי די ערשטע עווענ'ו און זעכציגסטע סטריט, ביי די ריזיגע אפיס קאמפלעקס, קומט צו אים דזשימי, דער אמיגא וואס האט געארבעט ביי אים עטליכע יאר, ביז א יאר צוריק, און זאגט אים שטילערהייט, איך האב פאר דיר א שפאגל נייע יוקאן דינאלי פאר צען אלפים, א מעשה מיט א בוידעם פון וואו ער האט עס, צען אלפים און היידא!

משה פייער האט שוין לאנג געטראכט אז גענוג מיט די האנדע אדיסי, די גאנצע זאך איז דאך וועגן שידוכים, נו, שוין ארויסגעגעבן אלע צען קינדער, געהעריגע שידוכים געמאכט, באגעבו מיט באגעבו, אדיסי מיט אדיסי, קרעדיט קארד חובות מיט קרעדיט קארד חובות, שטאפן היט מיט שטאפן היט, געהעריגע MATCHY שידוכים, יעצט האב איך אלע מחותנים אין בוידעם! אויפרייס TIME! גענוג געשפילט דעם שפיל! כ'האב שוין עניוועי נישט קיין נערוון צו זיין אויף סטעידזש א גאנץ לעבן! גענוג! דינאלי TIME!

ער שמייסט אראפ פאר'ן אמיגא צען אלפים קעש מזומנים, ירקות, און ער פייערט אריין אין די דינאלי מיט פאטאס! איך טשעק ארויס פון די "שפיל" לעבן! איך מאך מיר אויף די אויבערשטע

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

קנעפל! איך דריי מיר ארויף די ארבל פיר מאל! איך טויש מער נישט די ריפסינע יארמולקע ביי שחרית! גענוג מיט די "עקט", גענוג מיט די סטעידזש לייף! איך טו וואס איך האב צו טון! גענוג געווען מיט די שידוכים פרעשער!

אזוי שמייסט ער מיט'ן דינאלי ביז זיין הערליכע מאיעסטעטישע שטוב ביים דעד-ענד דארט ערגעץ נעבן קענזינגטאן, אין די זייט פון בארא פארק, ער פייערט אריין מיט'ן דינאלי אין די דרייוו-ווערי. ער דערמאנט זיך ער האט היינט נישט געדאווענט ביי די קביעות'דיגע מנחה אין "בוש טערמינאל", ער מוז שוין לויפן צו מנחה, ער דרוקט REVERSE, אבער אין קול ואין עונה, די קאר איז געגאנגען כאפן א דרימל. דער אמיגא האט אים צוגעפאכעט, אים אריינגערוקט א קאר וואס האט נישט קיין "ריווערס".

מעגסט האבן די שענסטע קאר. אז דו האסט נישט קיין ריווערס איז דיין קאר נישט אין באנוץ.

יעדע זאך וואס דו נעמסט דיר פאר צו טון אלול דארפסטו וויסן וואס טו איך ווען עס גייט קאפויער.

אז איך נעם זיך פאר אויפצושטיין פרי און איך וועק מיך אויף איינס אזייגער נאכמיטאג, מוז איך נאכאלץ מארגן פרובירן נאכאמאל, נישט בלייבן שטעקן ווען אלעס גייט מיר ריווערס.

ריווערס איז א חלק פון די בריאה, מען מוז וויסן אז ווען עס גייט ריווערס וועל איך נאכאלץ ווייטער פרובירן.

אויב האסטו נישט קיין לימוד וואס מען טוט ווען אלעס גייט ריווערס ווי קען מען בכלל תשובה טון?

אלעמעל פלעג איך הערן פון דעם בעל דרשן אז אלול איז מרומז אין די פסוק "אני לדודי ודודי לי", אבער איך האב עס נישט געהערט אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט עס.

דער ראש ישיבה האט געזאגט דאנערשטאג פרשת ראה, ביים ליל ששי שיעור, אז אני לדודי ודודי לי איז צוויי זאכן. אני לדודי איז איין זאך, און ודודי לי איז א צווייטע זאך.

אני לדודי מיינט איך לויף צום אייבערשטן, גענוג מיט די נארישקייטן, איך שטיי אויף פרי, מקוה, שחרית מיט מנין, חומש, תהלים, משניות, און אזוי ווייטער, א מחי'.

ודודי לי מיינט, אז אויב נאך מיין אלול החלטה בין איך מארגן אויפגעשטאנען שפעט, בין איך נישט ברוגז אויף קיינעם, ווייס איך אז דער אייבערשטער איז ווייטער דא מיט מיר, איך וועל נאכאמאל פרובירן.

אויב מען זאגט דעם אני לדודי ודודי לי נישט ווי דער ראש ישיבה האט עס געזאגט, האסטו געזאגט א האלבע זאך.

שטעל דיך פאר איינער זאגט דיר א פסוק "ויהי בוקר יום אחד", א האלבע זאך! דו זאגסט נישט ריכטיג!

די פסוק גייט אזוי: ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד, יעדע "יום" האט א ערב מיט א בוקר.

די לעבן האט לעכטיגע מינוטן, און מינוטן וואס מען פרובירט דיך אויס צו זען אויב דו וועסט פרובירן נאכאמאל אפילו נאכ'ן דורכפאל, דאס איז די גרויסקייט פון א מענטש, אז ער גייט נאך איין טריט אפילו ווען אלעס גייט נישט מסודר.

אז מען דערהאלט זיך נאכאמאל און נאכאמאל קומט מען אן צו שפירן מער און מער אז דער אייבערשטער איז דא.

> איך טשעק ארויס פון די "שפיל" לעבן! איך מאך מיר אויף די אויבערשטע קנעפל! איך דריי מיר ארויף די ארבל פיר מאל! איך טויש מער נישט די ריפסינע יארמולקע ביי שחרית!
>
> גענוג מיט די "עקט", גענוג מיט די סטעידזש לייף! איך טו וואס איך האב צו טון! גענוג געווען מיט די שידוכים פרעשער!



# א מַעֲשֶׂה פון א צַדִּיק

## אַ זִיסֶער תְּהִלִּים

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַסַאךְ גֵיין גָלוּת פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם אַנְדֶערְן פוּן דֶערְפְל צוּ דֶערְפְל. אֵיין נַאכְט בִּשְׁעַתְ'ן וַואנְדֶערְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אֶנְדֶערְן, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי דִירָה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל אוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מֹשֶׁה סוֹפֵר פוּן פְּשֶׁעוָוארְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען דָא אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה סוֹפֵר פוּן פְּשֶׁעוָוארְסְק אִים גֶעזָאגְט: "הֶער זִיךְ צוּ, בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ דָא נָאר אֵיין בֶּעט, אָבֶּער וִויבַּאלְד אִיךְ בִּין שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, קֶענְסְטוּ שְׁלָאפְן אוֹיף מַיין בֶּעט". אוּן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ הָאט טַאקֶע זִיךְ אָראפְּגֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן אוֹיף זַיין בֶּעט.

וֶוען רֶבִּי מֹשֶׁה הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער גַאסְט שְׁלָאפְט שׁוֹין, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים, וֶוען רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ הָאט גֶעהֶערְט דִי זִיסֶע תְּהִלִּים פוּנֶעם צַדִּיק, אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן בֶּעט אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן רַבִּי מֹשֶׁה צוּ הֶערְן דִי זִיסֶע תְּהִלִּים. וֶוען רֶבִּי מֹשֶׁה סוֹפֵר זי"ע הָאט אִים בַּאמֶערְקְט הָאט עֶר אִים גֶעוִויזְן מִיט אַ וְואוּנְק עֶר זָאל צוּרִיקְגֵיין אִין בֶּעט שְׁלָאפְן, נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אִיז צוּרִיק אִין בֶּעט הָאט עֶר נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִילִים. אַפָּאר מִינוּט דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ וַוייטֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן בֶּעט אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דִי טִישׁ, אוּן רֶבִּי מֹשֶׁה הָאט וַוייטֶער גֶעוִויזְן פַאר רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ עֶר זָאל צוּרִיקְגֵיין אִין בֶּעט. אִיז רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ צוּרִיק אִין בֶּעט, אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל הָאט רֶבִּי מֹשֶׁה אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים, אָבֶּער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אִיז וַוייטֶער דָא נֶעבְּן דִי טִישׁ.

דָאס מָאל הָאט רֶבִּי מֹשֶׁה זִיךְ שׁוֹין גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ דָא אַ גַאנְצֶע צַייט צוּ מַיין טִישׁ? הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט "וִוי קֶען אִיךְ שְׁלָאפְן? בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי זָאגְט תְּהִילִים זֶע אִיךְ דָא דָוִד הַמֶּלֶךְ". וֶוען רֶבִּי מֹשֶׁה הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דוּ בִּיסְט מֵילֶעךְ? (דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק) אוֹיבּ אַזוֹי זָאלְסְטוּ דָא בְּלַייבְּן שְׁטֵיין" אוּן פוּן דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי צְוֵויי צַדִּיקִים גֶעוָוארְן זֵייעֶר נָאנְט.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּגֶעלֵייגְט צוּ דֶעם נָאךְ אַ פֶּלֶא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה, אַז אִין שְׁטָאט וִוילְנָא אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן תְּהִלִּים, וֶוען דֶער אִיד אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, הָאט דֶער וִוילְנָא גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעבֶּעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל אִים לָאזְן וִויסְן וֶוען דִי לְוָיָה גֵייט פָארְקוּמֶען. מֶען הָאט אִים טַאקֶע מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, אוּן דֶער וִוילְנָא גָאוֹן אִיז אַרוֹיס צוּ בַּאגְלֵייטְן דֶעם נִפְטָר צוּ זַיין אֵייבִּיגֶע רוּה.

פַאר דִי תַּלְמִידִים אִיז דָאס גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער וַוייל עֶר פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין הוֹיז, נָאר אַ גַאנְצְן טָאג אִיז עֶר גֶעזֶעצְן מִיט טַלִּית אוּן תְּפִלִּין אִינְדֶערְהֵיים אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט, אוּן דָא גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ פַאר דִי לְוָיָה פוּן אַ אַזַא פָּשׁוּטֶער אִיד.

דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם וִוילְנָא גָאוֹן אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער וִוילְנָא גָאוֹן זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין בַּאגְלֵייט דֶעם נִפְטָר, זָאל אִיךְ אִים נִישְׁט בַּאגְלֵייטְן?" הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֲפִילוּ דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעזָאגְט תְּהִלִּים הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין זָאל אִים קוּמֶען בַּאגְלֵייטְן צוּ זַיין אֵייבִּיגֶע רוּה.




**(שיחות מוהרא"ש חלק ט"ו ערך תהלים)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קל

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ פּוֹסְקִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט עֶר זָאל עֶנְדִיגְן אַלֶע פִיר חֲלָקִים פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים אִין אֵיין יָאר, עֶר הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען פִינְף דַפִּים יֶעדְן טָאג.
יֶענֶעם וִוינְטֶער, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם "סֵפֶר הַמִּדּוֹת".

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע. דָארְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה "קַרְטָלִיתָא", אוּן עֶר הָאט עֶס אַלֵיין אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן.

אוֹיךְ אִין יֶענֶעם וִוינְטֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֵייןְמָאל אִין אַ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ קִידּוּשׁ דֶערְצֵיילְט אַ חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען, "אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטָאט, אוּן סְ'הָאט זִיךְ מִיר גֶעדַאכְט אִין חָלוֹם אַז דִי שְׁטָאט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אַלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם צַדִּיק, אוּן אוֹיךְ אִיךְ בִּין אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִים גֶעזֶען. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען נֶעבְּן אִים, אָבֶּער מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, סְ'הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי זֵיי טוּעֶן דָאס פַאר דַוְקָא אַז זֵיי גֶעבְּן אִים נִישְׁט שָׁלוֹם, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דָארְט וִוי אַזוֹי דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַזַא עַזּוּת אוּן חוּצְפָּה אִים נִישְׁט צוּ גֶעבְּן שָׁלוֹם פַאר דַוְקָא. הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אָבֶּער עֶר הָאט אַ גוּף וָואס אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען פוּן עֶטְלִיכֶע פְלֶעצֶער וָואס זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן "מְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים", עֶר אַלֵיין אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם גוּף. אוּן אַזוֹי וִוי וִוי מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם אִין "מְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים", דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם". [טֵייל זָאגְן אַז דִי מַעֲשֶׂה הָאט שַׁיְיכוּת מִיט תּוֹרָה י"ד].

שְׁפֶּעטֶער, אִינְדֶערְוָואכְן, הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט נָאךְ אַ חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, "עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַסַאךְ כַּלוֹת, אוּן אֵיין כַּלָה אִיז גֶעוֶוען דִי חָשׁוּבְסְטֶע פוּן זֵיי אַלֶע, מֶען הָאט דֶערְקֶענְט אַז דֶער עוֹלָם הַאלְט אִיר פַאר דִי חָשׁוּבְסְטֶע, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט קַאפֶּעלְיֶעס וָואס הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט מוּזִיק.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי עֶס עֶפְנְט זִיךְ אַ טִיר אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ יְשִׁיבָה, עֶס אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אִין יְשִׁיבָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי עֶס שְׁטְרָאמֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צְוִוישְׁן אַזַא רִיזְן צִיבּוּר, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעשְׁטַאנֶען הֶעכֶער זֵיי.

עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי, אוּן דֶער כְּבוֹד הַתּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר גְרוֹיס.

דִי כַּלוֹת הָאבְּן גֶעטַאנְצְן, אוּן דֶער עִיקָר אִיז גֶעוֶוען דִי חָשׁוּבְסְטֶע כַּלָה וָואס הָאט גֶעטַאנְצְן דָארְט, וֶועלְכֶע נִיגוּן דִי קַאפֶּעלְיֶע הָאט גֶעשְׁפִּילְט הָאט זִי אַלֵיין נָאכְדֶעם גֶעזִינְגֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע כְּבוֹד הַתּוֹרָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע כָּבוֹד וָואס מְ'גֶעבְּט דָארְט פַאר תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעקֶענְט, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעזֶען אַמָאל אַזַא גְרוֹיסֶע כְּבוֹד הַתּוֹרָה.

לוֹיט וִוי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען הָאבְּן זֵיי פָּשׁוּט גֶעלֶערְנְט נִגְלוֹת הַתּוֹרָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט רַבָּנִים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע סְפָרִים וָואס מֶען נוּצְט גֶעוֶוענְלִיךְ בַּיים לֶערְנֶען נִגְלָה".

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִי"ה

# שבת טיש

ליל שבת קודש
פרשת עקב תשפ"ה
לפ"ק

שבת פרשת עקב האבן מיר נאך אסאך תפילה זוכה געווען מיטצוהאלטן א שבת סעודה ביים ראש ישיבה. בס"ד וועלן מיר פרובירן אפצושרייבן א קליין ביסל וואס מיר האבן זוכה געווען מיטצוהאלטן. מיר האב דאס אפגעשריבן, למען ידעו דורותיכם, "אייערע קינדער זאלט איר דערציילן וואס דא האט זיך אפגעטון."

## די קינדער זאלן זען

דער ראש ישיבה שליט"א האט צום ערשט געזינגען זמירות מיט די בחורים אונטן אין די אלטע שול (יעצט ווען זיי זענען אין קעמפ הייבט דער ראש ישיבה שליט"א אן די סעודה מיט זיי און דערנאך קומט דער ראש ישיבה צוריק צו א באטע).

דערנאך איז דער ראש ישיבה ארויפגעקומען אויבן אינדערהיים, און מיט א מורא'דיגע שמחה און רואיגקייט זיך געזעצט צו די סעודה. דער ראש ישיבה האט איבערגעזינגען זמירות מיט זיינע קינדער. ווי שוין געשריבן עטליכע מאל ביי די זומער'דיגע סעודות זינגט דער ראש ישיבה שליט"א נאכאמאל זמירות אויבן מיט זיינע קינדער.

אין א שמועס האט דער ראש ישיבה אמאל געזאגט אז ער וויל נישט אז זיינע קינדער זאלן געדענקען אז "ביי זיי זינגט מען נישט זמירות אין די זומערדיגע שבתים." קען זיין זיי וועלן פארגעסן אז מען האט שוין געזינגען מיט די בחורים אין שול און עס וועט נאר בלייבן די "מנהג" אז זומער ביינאכטס זינגט מען נישט זמירות.

## א גוט שטיקל פלייש

איך געדענק אז דער ראש ישיבה האט זיך איינמאל אנגערופן פאר קידוש אז איינער האט אים געפרעגט פארוואס דער ראש ישיבה זינגט איבער זמירות צם צווייטן מאל, האט דער ראש ישיבה יענעם צוריקגעפרעגט: "ווען דו גייסט צו א חתונה און מען געט דיר א גוט שטיקל פלייש, עסטו נישט ווייל דו האסט שוין געגעסן פריער אינדערהיים? ביי מיר איז זמירות א גוט ביסן. ווען איך קען, כאפ איך אריין נאך אביסל דערפון."

עס האט מיר זייער געכאפט די וועג וויאזוי דער ראש ישיבה האט געפירט די סעודה מיט א מורא'דיגע רואיגקייט און נעימות. די זומער סעודות זענען דאך שפעט, אבער די קינדער זענען אלע געזעצן אזוי רואיג, צופרידן און פריילך (דאס מאל ממש יא... ווי אין די ביכער און די בילדער...).

נישט אז די קינדער האבן א גאנצע צייט מיטגעזינגען, אבער דער ראש ישיבה האט דוקא נישט באמערקט יעדע ריר, נאר געהאלטן קאפ אז עס זאל בלייבן אן אנגענעמע אטמאספער און מען זאל בכלליות זינגען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשמעקט הדסים און געפרעגט די קינדער פארוואס מען האט צוויי הדסים. די קינדער האבן געוואוסט צו זאגן (אפילו די גאר קליינע) צוליב שמור און זכור.

אויך איז געווען אינטערעסאנט צו זען אז אפילו די קליינע פיר יעריגע קינד האט אויך מיטגעזינגען אביסל זמירות. די אטמאספער איז געווען זייער ליבליך, רואיג און צופרידן, אין אמעריקע דרוקט מען זיך אויס "פיעספול" (שלום, שלוה, ישוב הדעת).

## פיס צאמגעלייגט

עס איז מיר אינטערעסאנט געווען אויפצומערקן אז ביי קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער אז מען שטייט רואיג, שיין, "מיט די פיס צוזאמגעלייגט." איך האב דאס ערשטע מאל געהערט די מושג פון צאמגעלייגטע פיס אפאר וואכן צוריק ביי א באשרייבונג פון א סעודה. יעצט האב איך עס מיטגעהאלטן.

איינער פון מיינע קינדער האבן מיר שפעטער באמערקט אז בשעת קידוש האט זיך דער ראש ישיבה צוויי מאל אפגעשטעלט פאר קינדער וואס האבן לייכט געשטערט, אבער דער ראש ישיבה האט דאס געטון אזוי איידל אז איך האב דאס נישט אויפגעפאסט, די קינדער זענען נישט פארשעמט געווארן און די קידוש איז ווייטער געפארן אן א שטער.

## אריינקוקן אין בעכער

בשעת קידוש, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט אריינגעקוקט אין בעכער, (ביי די ברכה) האט ער שטארק אריינגעקוקט, אויף אן אופן אז "מען האט דאס נישט געקענט פארפאסן." מערערע מאל האב איך שוין געזען ביים ראש ישיבה די זאך אז ווען עס קומט צו א מנהג ישראל לייגט דער ראש ישיבה דגוש אז די קינדער זאלן עס זען, באמערקן, און צומאל פרעגן דערויף און אזוי ווערט א שמועס דערפון. (אביסל א בחינה פון מה נשתנה...)

מען פירט זיך אז מען קוקט אריין אין כוס בשעת קידוש, אבער ווייניג געבן דאס איבער פאר די קינדער אז מען זאל זען און וויסן אז דאס איז א הלכה. זייענדיג א קינד האב איך דאס ניטאמאל אויפגעכאפט ביי מיין טאטן וואס פלעגט דאס אויך טון, נאר שפעטער האב איך זיך דערוואוסט דערפון.

עס איז שווער אפצושרייבן מיט ווערטער די מצב רוח ביים ראש ישיבה אין שטוב ביי די סעודה. עס שפאלט די מח יעדעס מאל באזונדער וואס מען איז זוכה מיטצוהאלטן א קליין ביסל דערפון, און עס מאכט וואונדערן וויפיל תפילות עס נעמט זוכה זיין צו אזעלכע הייליגע שיינע סעודות.

## זאג פאר די קינדער

א זייטיגע שכל וואס איך האב אויפגעמערקט איז אז קינדער ווייסן נישט פון זיך אליינס זאכן. אפילו זאכן וואס מען טוט יעדע וואך. אז מען זאגט נישט "יעצט גייט מען מאכן קידוש, יעדער שטייט שיין און רואיג" געדענקען זיי נישט. אז מען זאגט נישט "יעצט קומען זיך אלע קינדער וואשן" און מען וואשט זיי אלע, דאן וועט דער טאטע ווארטן צען מינוט ביי א ליידיגע טיש ביז דער

סעודה איבערגעגעבן דורך א גאסט ביים טיש

# אפילו די קליינע פיר יעריג קינד האט אויך מיטגעזינגען אביסל זמירות. די אטמאספער איז געווען זייער ליבליך, רואיג און צופרידן, אין אמעריקע דרוקט מען זיך אויס "פיעספול" (שלום, שלוה, ישוב הדעת)

עולם דערבארימט זיך, און מען קען ניטאמאל הייסן זיך גיין וואשן, ווייל דער טאטע איז שוין געוואשן.

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער, "מען גייט יעצט מאכן קידוש, יעדער שטעלט זיך שיין אויף, מען שטייט שיין שטיל."

אויך ביים זיך וואשן איז זיך דער ראש ישיבה נוהג אז ער וואשט די יונגערע קינדער, אז ווען דער ראש ישיבה שליט"א קומט צום טיש איז יעדער געוואשן און יעדער איז "דא." (בגוף ובמח).

## די קאמפיין

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די געסט וואס ער האט צו דערציילן, און ער האט דערציילט אז ער האט ארומגערופן מענטשן פאר די קאמפיין. דער ראש ישיבה האט איבערגעהאקט און אים געזאגט "איך האב געמיינט אז עס איז געבליבן אז דו נעמסט נישט א טייל. (אין א שמועס האט דער אינגערמאן אנגעפרעגט אויב עס איז כדאי צו נעמען א טייל אין די קאמפיין, ווייל ער שפירט אז עס איז אים נאך זייער שווער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געענטפערט: "איך ווייס נישט אויב דו זאלסט זיך צודרוקן די מח פאר די קאמפיין." אבער שפעטער אין וואך האט דער ראש ישיבה אזוי שטארק גערעדט דערוועגן אז דער אינגערמאן האט געטראכט אז עס איז אביסל געווען א בחינה אז דער ראש ישיבה ענטפערט דאס וואס דער מח וויל הערן, און ער האט יא גענומען א טייל.)

דער ראש ישיבה האט זיך אינטערסירט איבער וועמען מען האט גערופן, און דער אינגערמאן האט דערציילט אז ער האט גערופן זיין אלטע חברותא וואס ער האט געוואוסט אז ער האט א שטיקל געפיל צו היכל הקודש און יענער האט אים שיין אויפגענומען און זיך אינטערעסירט וואו מען קען קומען דא איינשטיין פאר א שבת. דער ראש ישיבה האט געזאגט, "נא אדרבה."

## וואס איז געלט?

דער אינגערמאן האט געגעבן א לייג צו, "דרך אגב, זיין טאטע איז א גרויסע עושר." דער ראש ישיבה האט זיך צעשמייכלט מיט א שטיקל ביטול. "זיין טאטע האט געלט? עס איז די זעלבע ווי דו זאגסט מיר "זיין טאטע האט א גרויסע נאז."

די קינדער האבן זיך צולאכט. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר'ן גאסט, "זיי מיר מוחל, איך מיין נישט אוועקצומאכן, אבער וואס איז געלט? ביים רבי'ן איז געלט נישט געווען קיין עסק."

עס האט מיר זייער געכאפט דעם אויסדרוק וואס דער ראש ישיבה האט גענוצט אוועקצומאכן די נושא פון געלט. דער ראש ישיבה וואלט געקענט זאגן "עס איז כאילו זאגסט מיר זיין טאטע האט גלעזער, אבער ניין, דער ראש ישיבה שליט"א האט גענוצט אן אויסדרוק פון שפאט אז עס זאל ווערן מוקצה מחמת מיאוס אין די אויגן פון די יונגע מוחות פון די קינדער.

אין א וועלט, ווי די גאנצע שעצונג און הצלחה פון א מענטש איז געוואנדן לויט זיין בערזל, איז דאס זייער א דערפרישנדע, אמת'דיגע, תורה'דיגע בליק אויף געלט. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון געלט מיט אזא זלזול אז מען האט שוין געקענט שפירן די געדוף דערפון וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען.

## מקרב זיין עשירים

דערנאך האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט, "אגב, דער רבי (חיי מוהר"ן סימן תקמ"ג) האט יא געוואלט מען זאל מקרב זיין עשירים, דער רבי האט געוואלט

מען זאל ברענגען צו אים "גרויסע מענטשן." און רבי נתן האט געפרעגט וואס מיינט א גרויסע מענטש? האט דער רבי געשריגן און געזאגט: "נשמות וואס אין זיי איז אנגעהאנגען נאך נשמות, א למדן, אן עושר, א יחסן."

דער ראש ישיבה האט דאס איבערגעזאגט און מדייק געווען דערויף א צווייטע מאל.

## אויספירן די שליחות

דער ראש ישיבה האט זיך דאן נאכגעפרעגט אויף איינע פון היכל הקודש שטיבלעך אויב עס איז דא מנין. און א אינגערמאן האט געזאגט אז עס קומען כסדר פרישע מענטשן. און ער האט דערציילט איבער איין אינגערמאן וואס איז קיים אנגעקומען אבער נעמט אלעס מיט תמימות און פשיטות, און האט גענומען א טייל אינעם קאמפיין און גערופן אלע באקאנטע און געכאפט קאלטס און ווארעמס.

דער ראש ישיבה האט זיך נאכגעפרעגט ביים דעם אויבנדערמאנטן אינגערמאן וויאזוי זיין משפחה האט אויפגענומען דאס גיין נאך געלט פאר די ישיבה, און ער האט געזאגט אז ער האט נישט גערופן די משפחה, נאר זיין זון וואס איז אין ישיבה האט גערופן. האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן, "נו, איז דאך גוט. ער מאכט דיר גרינגער. איז דיר נישט גרינגער יעצט ווי צוויי יאר צוריק?"

דער ראש ישיבה האט זיך אינטערעסירט אויף די משפחה, אויף די עלטערן און דאן ארומגערעדט וועגן די נסיון פון משפחה און געזאגט: "די נסיון איז עפעס וואס מען דארף אריבערגיין אין אנהייב. אזוי דארף עס גיין. צום סוף ווערט עס שיין." דער ראש ישיבה האט דאס צוויי מאל איבערגעזאגט.

א בחור האט זיך אנגערופן צום ראש ישיבה אז דער ראש ישיבה האט אים געזאגט ער זאל רופן זיין פעטער, וואס טיילט אסאך צדקה, אבער ער איז נישט אנגעקומען צו אים. וויפיל ער האט פרובירט האט ער נישט מצליח געווען. ער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה, אויב ער זאל אים נאך פרובירן אנצוקומען צו אים.

דער ראש ישיבה האט זיך געגעבן א רוף אן, "אוודאי. איך האב דיר עפעס געהייסן, זאלסטו עס אויספירן." האט ער געפרעגט "וואס זאל איך אים זאגן?" האט דער ראש ישיבה געזאגט: "וואס מאכט מען א מציאות פון א מענטש?" זאג אים פשוט: "דער ראש ישיבה האט זיך נאכגעפרעגט וויפיל.... געבט."

דאס איז מיר געווען א לימוד לעובדא למעשה. אז דער ראש ישיבה געט א שליחות, פירט מען עס אויס. נישטא אזא זאך 'איך ווייס נישט וויאזוי. איך האב פראבירט, עס איז נישט געגאנגען.' אז מען באקומען די געלעגנהייט צו אויספירן א שליחות, ווארפט מען עס נישט אוועק.

## סאטמאר נוסח

דערנאך איז מען אריין אין א שמועס פון נוסח. א אינגערמאן וואס איז דארט געווען איז אויך א בעל תפילה ראש השנה און יום כיפור. דער ראש ישיבה האט זיך צוזינגען די סאטמארע נוסח און נאך, און געפרעגט דעם אינגערמאן אויב ער בענקט זיך נישט צוריק צו די סאטמארע נוסח. אויך האט דער ראש ישיבה געפרעגט די סאטמארע בחורים פון דארט אויב זיי בענקען זיך נישט צוריק דערצו.

דער אינגערמאן האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויף די ניגון פון די ווערטער "איך וויל זיין א איד" פון וואו עס קומט, ווייל א געוויסע בעל תפילה האט דאס לעצטנס אריינגעברענגט אין א גרויסע קהילה און עס איז געווארן זייער באקאנט. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס קומט פון דעם הייליגן תפארת שלמה.

## נייע אלבום

דאן האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס ווערט זיין אויפ'ן נייעם אלבום וואס קומט ארויס, עס קומט ארויס צוויי נייע אלבום'ס. "איך פרוביר אויף וועלכע וועג איך קען אריינברענגען דעם אייבערשטן אין מענטשן. איינעם כאפט א ניגון, איינעם א גמרא שיעור, איינעם א חיזוק יומי, איינער א מוזיק סינגל וכו'." דער ראש ישיבה האט איין מטרה "נאך א איד צום אייבערשטן."

## מחי' נפשות

אינצווישן האבן איינער פון די קינדער געפרעגט די מאמע'ן, "טאטי וויל אז נייע מענטשן זאלן קומען צו ברסלב, צו שטעטל, צו

# דער אינגערמאן האט געגעבן א לייג צו, "דרך אגב, זיין טאטע איז א גרויסע עושר." דער ראש ישיבה האט זיך צעשמייכלט מיט א שטיקל ביטול. "זיין טאטע האט געלט? עס איז די זעלבע ווי דו זאגסט מיר "זיין טאטע האט א גרויסע נאז."

די מוסדות?" האט די מאמע געזאגט, "ניין, פארקערט, טאטי וויל אז אידן זאלן בלייבן ווי זיי זענען און דארט זאלן זיי דינען דעם אייבערשטן."

און דאס איז די ריכטיגקייט. ברסלב איז נישט א חסידות ווי מען ציילט שטריימלעך. ווי דער ראש ישיבה דערציילט די ווערטל אז איינער האט געזאגט נאך שמחת תורה פאר זיין ברסלב'ע חבר, "ביי אונז איז געווען סכנות נפשות. (אזויפיל מענטשן) האט דער ברסלב'ע חבר געענטפערט, "ביי אונז איז געווען מחי' נפשות!"

## צוגיין פון מתיקות

דער ראש ישיבה האט זיך אינטערעסירט וועלכע ניגון דער אינגערמאן פלעגט זינגען אויף "כי הנה כחומר." ווען דער אינגערמאן האט צוריקגעפרעגט וואס מען זינגט אין ברסלב, איז דער ראש ישיבה אריינגעגאנגען אין א צווייטע עולם און זיך צובענקט צו די הייליגע תפילות און אפגעזינגען א שטיקל דערפון. מען האט געקענט צוגיין פון מתיקות פון די בענקעניש צו די הייליגע טעג וואס האט זיך אויסגעדרוקט מיט דעם שטיקל נוסח.

דער ראש ישיבה האט דאן געזאגט, "די ניגון פון כי הנה כחומר, צעשניידט די מענטש, צערייסט די נשמה. עס איז ווי א מאשין וואס שניידט פלייש, מען ווערט ממש צעשניטן, אזוויוי א זעג, וואס שניידט העלצער." דער ראש ישיבה האט געבעטן איינער פון די געסט צו ברענגען א חי' מוהר"ן, און געבעטן א גאסט פארצולייענען דעם שטיקל ווי עס שטייט אז דער רבי האט אמאל געזאגט אז פון אמונה קען אנכאפן אזא ווילן אזא בענקעניש צום אייבערשטן אז מען זאל נישט וויסן וואס ער וויל און ער זאל אנהייבן שרייען "בינדט מיר ווייל איך פיל ווי איך ווער וכו'..." (סימן תכ"ה)

## איך ווער אויס

דער ראש ישיבה האט געוויזן אז ביי אסאך שיחות שטייט וכו'. דאס מיינט אז די המשך דערפון שטייט צום סוף אין די השמטות. און אז מען האט געקוקט אין די וכו' איז געשטאנען "ווי איך ווער אויס.." דער ראש ישיבה האט געפרעגט די אנוועזנדע, "עטס ווייסט וואס איך מיין? איך שפיר צומאל אזוי אויך. אזוי 'כאפטס מיך אן' ווייל איך בין אויס. כאפטס אן מיין גוף איך זאל דא בלייבן.' בינדטס מיך צו."

איינער פון די קינדער האבן געפרעגט,"וואס מיינט דאס?" האט דער ראש ישיבה געזאגט, "האסט עס נאך קיינמאל נישט געשפירט? צומאל כאפט אן אזא אזא בענקעניש אזוי אז בינד מיר צו איך זאל נאך בלייבן א מענטש, איך פיל ווי איך ווער אויס..."

דער ראש ישיבה האט דאס געזאגט מיט אזא קלארקייט אז עס איז נישט מעגליך געווען צו זיצן דארט נישט שפירן אביסל דערפון.

דער רבי' זאגט (ספר המדות ערך צדיק) על ידי שמיעת תורה מפי הצדיק מקבלין חיות, דורך הערן ווי דער צדיק זאגט נאך איבער א מושג באקומט מען א חיות אז אלע אנוועזנדע זענען זוכה צו שפירן א קליין ביסל, א פינטל דערפון.

איין זאך איז זיכער אז הערנדיג דעם ראש ישיבה רעדן אזוי, ווייסט מען שוין אויף וואס צו מתפלל זיין. אין א גמרא שיעור האט דער ראש ישיבה לעצטנס געזאגט פאר א אינגערמאן, "דער שם ה-ו-י-ה האט דיר שוין אמאל געשיינט פאר די אויגן? אויב מען האט דאס נאכנישט געזען איז מען צו גארנישט אנגעקומען." דאס האט מיר געגעבן א וועק אויף צו וואס מען דארף אלץ מתפלל זיין.

## פון די מאכערס

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס איבער די געזעץ אז אויב אלע מענטשן פון א גאס זענען מסכים צו טוישן א נאמען, מעג מען עס לעגאל טוישן. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז כמעט אלע איינוואוינער פון האשקי זענען שוין אידן. דער ראש ישיבה האט דאן אויסגערעכנט אלע מענטשן וואס וואוינען אראפ ביז דענמען. ער האט אויסגערעכנט יעדע משפחה מיט א חביבות, ווי איינער ציילט א רכוש גדול. דאס האט דערמאנט די שיחה פון רבי'ן אז "יעדער איינער האט ביי מיר אן פלאץ אין מיין הארץ." (שיחה קפ"ט)

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט אין פלאן איינע פון די גאסן א נאמען געבן סאטמער, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן (עס איז געווען די שבת פאר די יארצייט), אז ווי נאך רעדט מען אזוי די דיבורים פון סאטמארע רבי אויב נישט דא? אז איינער קומט דא אן, טרעט ער נישט אוועק פון מסורה. פארקערט. דא לעבט דער סאטמארע רבי. איינער פון די קינדער האבן זיך אנגערופן, "איינער וועט אריינלייגן אין דשי. פי. עס. "קרית יואל" און "סאטמאר", וועלנדיג אנקומען צו סאטמאר דרייוו, וועט ער נאך אנקומען דא.

## וועלכע שטעטל איז

## גרעסער?

איינער פון די קינדער געגעבן א פרעג, "וועלכע שטעטל איז גרעסער (די נייע נעבן שטעטל, אדער קרית ברסלב)?" האט דער ראש ישיבה זיך צושמייכלט און געזאגט "אונז האמיר עס!" אלץ א ווערטל אבער גלייך געזאגט "אבער עס מאכט נישט אויס ווער עס איז גרעסער." אבי מען לעבט מיט'ן אייבערשטן.

צום סוף האט דער ראש ישיבה געזאגט, "אין אמת'ן איז נישטא קיין גרויסע חילוק, איין חילוק איז דא צווישן ברסלב און זיי, דער אופן וויאזוי מען דרייט זיך ביי בואו בשלום. ביי זיי דרייט מען זיך מיט די רעכטע זייט און ביי אונז דרייט מען זיך צו די רעכטע זייט. איינער פון די קינדער האבן זיך געוואונדערט, "וואס איז א חילוק?" דער ראש ישיבה האט געמאכט די קינדער זיך אויפשטעלן און ווייזן וויאזוי זיי דרייען זיך.

און דער ראש ישיבה האט זייער קלאר און שיין מסביר געווען אז עס איז א גרויסע חילוק, ווייל בזמן הבית המקדש האט דער כהן געשחט'ן די קרבן און געדארפט דערנאך גיין צום מזבח אויף די רעכטע זייט, איז א שאלה וואס מיינט רעכטס? גייט מען געדרייט ווי די רעכטע זייט דרייט זיך אדער צו די רעכטע זייט. דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט און עס דעמאנסטרירט פאר די קינדער.

## א מעמד אן די קינדער

איינער פון די געסט האבן דערציילט אז זיין קהילה מאכט א שבת מיט זייער רבי'ן און אויפ'ן איינלאדענונג שטייט "צוליב די סוקסעס פונעם מעמד איז נישט ערלויבט מיטצוברענגען קינדער."

דער ראש ישיבה האט זיך פארוואונדערט. דאס איז דאך אזא סתירה מיט וויאזוי דער ראש ישיבה פירט זיין שטוב און קהילה, ווי די קינדער שפילן די הויפט ראלע. עס איז אינטערעסאנט אז א גרויסע אנגעזעענע קהילה ווייסט נישט די כלל פון "אם אין גדיים, אין תיישים."

דער ראש ישיבה האט געפרעגט דעם אינגערמאן, "ווילסט נישט גיין?" יענער האט זיך צושמייכלט אבער דער ראש ישיבה האט נישט נאכגעלאזט און געפרעגט דעם בחור'ל וואס קומט אויך פון יענע חסידות, "ווילסט נישט גיין? פארוואס נישט? באמת, דארפסט זיך נישט שעמען, קיינער וועט דיר נישט אראפקוקן דערפאר."

## מקרב זיין די כיתה

האט יענע בחור דערציילט אז ער האט א שכן וואס ציעט אזוי צום רבי'ן און זאגט אז נאר דער רבי' פארשטייט וואס א בחור גייט אריבער און געט חיזוק פאר א מענטש היינטיגע טעג. ער האט געפרעגט אויב ער זאל אים מקרב זיין, האט דער ראש ישיבה געזאגט, "אוודאי. דיין גאנצע כתה זאלסטו מקרב זיין. רעד פון די התחזקות וואס מען באקומט דא."

דאן האט דער ראש ישיבה געזאגט צום בחור, "איך בין געווען פון די מאכערס אין סאטמאר ביז די דרייצן יאר. איך האב געמאכט די ריזיגע סיינס פאר די מערכה, די סיינס פון צדיק כתמור יפרח וכו' מיט די ספרעי פעינט און טייטל-ביימער. ביז די דרייצן.

דער ראש ישייבה האט דאן געזאגט אז ווען ער איז אנגעקומען צו מוהרא"ש האט ער ווייטער געקאכט. עס זענען געווען אסאך מענטשן וואס זענען נישט געווען צופרידן פון אים. פארוואס קומט ער און הייבט אן איבערדרייען און מאכן גערודער אין גאס? עס איז זייער שיין געווען, רואיג, ליל ששי שיעורים, וואס פעלט אויס גערודער? די שמועס איז ערגעץ פארוואסערט געווארן און דער ראש ישיבה האט נישט אויסגעפירט וואס ער האט געוואלט זאגן.

## שיינע אויפפירונג

א אינגערמאן האט געגעבן א גריס פאר'ן ראש ישיבה אויף די בחורים פון ישיבה וואס זענען געקומען נאך געלט אין א געוויסע שול אין מאנסי אז זיי האבן זיך אויפגעפירט מיט גרויס דרך ארץ און געמאכט א גוטע הפצה מיט זייער אויפפירונג.

די שול איז אן אלגעמיינע שול, אזא סארט קיבוץ גליות. געוויסע האלטן אז עס איז נישט לכתחילה דארט צו דאווענען פאר קינדער ווייל עס האט א געוויסע לויזקייט. דער ראש ישיבה האט געפרעגט דעם אינגערמאן, "דו דאווענסט דארט בקביעות?" ווען דער אינגערמאן האט געזאגט אז יא, האט דער ראש ישבה געפרעגט, "עס זענען דא דארט אינגעלייט פון דיין חסידות

**דער ראש ישיבה איז אריינגעגאנגען אין א צווייטע עולם און זיך צובענקט צו די הייליגע תפילות און אפגעזינגען א שטיקל דערפון. מען האט געקענט צוגיין פון מתיקות פון די בענקעניש צו די הייליגע טעג וואס האט זיך אויסגעדרוקט מיט דעם שטיקל נוסח.**

וואס דאווענען דארט? דו פלעגסט דארט אלעמאל דאווענען אדער נאר זייט מען איז געוואויר געווארן אז דו דרייסט זיך דא?"

דער אינגערמאן האט עפעס געענטפערט אבער דער ראש ישיבה האט עס קלאר געוואלט וויסן, "זייט ווען דאווענסטו דארט?" האט ער געזאגט "צוויי יאר." האט דער ראש ישיבה געזאגט, "הייסט עס זייט מען האט אויסגעפונען." האט דער אינגערמאן געפרעגט, "עס איז נישט כדאי צו דאווענען דארט?" האט דער ראש ישיבה געשאקלט מיט'ן קאפ אז ניין, עס איז נישט קיין פראבלעם.

א גאסט האט דערציילט אז זיין זון'ס מלמד איז געווען דא אין די געגנט א וואך צייט (די קינדער זענען געקומען אין א דערנעבנדיגע קעמפ) און ער האט אים געבעטן די אדרעס פון די שול. ער איז געקומען דא לערנען און זייער הנאה געהאט. דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צום זון וואס מען האט גערעדט פון זיין מלמד (וואס איז א קרוב צום ראש ישיבה), "ווערסט אים זאגן אז דער ראש ישיבה שיקט אים א גריס? אדער ווערסט זיך שעמען?"

דאן האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט, אוודאי האט ער הנאה געהאט. קען זיין איך האב א נגיעה ווייל איך האב דא געבויעט די פלאץ, אבער אדרבה זאג מיר, "ווי נאך טרעפט מען אזא שטעטל? ווי נאך זעט מען וואס מען זעט דא?"

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אויף איינע פון די געסט וואס די משפחה איז נישט צופרידן מיט די טויש אריבער צו היכל הקודש, אז די ערשטע זון האט מען בר מצוה געמאכט אין א זאל און מען האט ממילא נישט צופרידנגעשטעלט די משפחה, ווייל די גלעזער וואס מען אנגעגרייט זענען נישט געווען ארומגענומען מיט גאלד. וואלט מען זיי געקענט צופרידנשטעלן, וואלט מען נאך געקענט שמועסן, אבער די משפחה איז סייווי נישט געווען צופרידן. שוין, די צווייטע בר מצוה וועלן זיי מאכן אין ברסלב'ע שטיבל, און די חתונה וועלן זיי שוין קענען מאכן אין ישיבה."

## עלטערע אידענע

רעדנדיג פון א אינגערמאן וואס איז יעצט אנגעקומען צום רבי'ן האט זיך דער ראש ישיבה אינטערעסירט אויף זיין משפחה און דערציילט אן אינטערעסאנטע מעשה וואס ער האט געהאט יארן צוריק מיט'ן באבע פון דעם אינגערמאן. דער ראש ישיבה איז געגאנגען אין גאס פרייטאג צונאכטס און עס איז צוגעקומען צו אים א איד און אים געבעטן,"ראש ישיבה, ווילסט האבן א מצוה? קום ארויף צו מיין אלטע מאמע. זי וואוינט אין בעדפארד גארדענס, און זי הערט כסדר די ניגונים, דאס איז איר גאנצע חיות."

דער ראש ישיבה האט געזאגט "אדרבה, מחי' זיין אן עלטערע אידענע. פארוואס נישט?"

דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען, און דער זון רופט זיך אן צו זיין אלטע מאמע (שוין איבער די נײַנציג), "מאמע איך האב דיר געברענגט דעם ראש ישיבה!" די אלטע מאמע האט אויפגעלאכטן.

דער ראש ישיבה דערציילט וויאזוי עס זענען דארט געווען אויסגעזעצט אלע קינדער פון די פרוי, רעכט קלאסישע מענטשן, און זיי זענען געשטאנען אזוי געפלעפט און נישט געוואוסט וויאזוי צו נעמען בשעת די מאמע זאגט די ווערטער פון די ניגון מיט אזא התרגשות. דער ראש ישיבה האט דאן געזינגען אביסל פאר איר בשעת די עלטערע פרוי איז מלא הרגש.

זונטאג צופרי איז זי נפטר געווארן. די משפחה געדענקט דאס לזכרון טוב אז מען האט מחי' געווען זייער אלטע מאמע אין אירע לעצטע שעות (און הערנדיג דעם ראש ישיבה זינגען איז זי זיכער נפטר געווארן מיט תשובה... עפעס האט זי זוכה געווען).

אינטערעסאנט איז צוצולייגן אז ווען מען האט דערציילט די מעשה פאר'ן אייניקל דער פרישער מקורב האט ער געזאגט אז ער געדענקט דאס. ער איז דאן געווען א קינד, און ער איז דארט געווען ווען דער ראש ישיבה איז ארויפגעקומען. ער דערציילט אז דאס איז אייגנטליך געווען א חלק פון זיין התקרבות, ווייל ער האט באטראכט דעם ראש ישיבה מיט זיין קינדערישע ריינע מח און איז געווען זייער איבערגענומען פון די אמת און לויטערקייט. ער האט דאן איינגעזען אז אלע לשון הרע וואס ער האט געהערט קען נישט זיין אמת, אבער ווען ער האט דאס געזאגט פאר זיין טאטע האט ער אים אוועקגעמאכט, "לאז זיך אפ."

דער אינגערמאן דערציילט אבער אז ער האט מער נישט געקענט נעמען און הערן לשון הרע אויף דער ראש ישיבה, ווייל דאס בילד פון דער ראש ישיבה ביי זיין באבע איז אים כסדר געשטאנען פאר די אויגן. און א ניגון וואס האט געמאכט זיין עלטערע באבע וויינען קען נישט קומען פון נישט ערליכע מקורות.

דער ראש ישיבה האט דאן דערציילט אז דער איד וואס האט אים ארויפגעשלעפט צו זיין מאמע האט אים דאן געפרעגט, "ראש ישיבה איך מעג זאגן מוסר? ווי פאסט פאר

אזא ראש ישיבה נישט צו גיין מיט א רעשוואלקע פרייטאג צונאכטס?"

## רעשוואלקע

דער ראש ישיבה האט טאקע דערציילט אז ער פלעגט אלעמאל גיין מיט א רעשוואלקע, אבער קומענדיג צו מוהרא"ש האט ער געזען אז מוהרא"ש גייט נישט מיט א רעשוואלקע, האט ער נישט געוואלט זיין אנדערש כאילו קומען מיט ענינים וכו', דער ראש ישיבה האט געגעבן א דוגמה אז דער ראש ישיבה גייט סטראקעס אבער ער איז נישט געגאנגען שבתים ביי מוהרא"ש מיט סטראקעס. ער גייט נישט פראווען רביסטעווע פאר זיין רבי. דער ראש ישיבה האט זיך גע'חידוש'ט אויף איינעם פון די מענטשן וואס פלעגן קומען צו מוהרא"ש מיט זיין רבי'שע קאלירטע בעקיטשע. עס איז נישט געווען פאסיג.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז נאך מוהרא"ש'ס פטירה נאך א שטיק צייט האט ער צוריק אנגעהויבן גיין מיט א רעשוואלקע,

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו א חתן "באקען זיך מיט'ן גבאי פון דיין שול." (וואס איז אויך דארט געווען). דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז דער חתן האט אים געפרעגט וועגן מוסדות אין די שטאט ווי ער גייט וואוינען פאר זיינע קינדער. האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט, אז ביז דיינע קינדער וועלן אויפוואקסן וועסטו שוין וואוינען דא. דער ראש ישיבה האט אבער צוגעלייגט, "אויב וועסט נישט אנקומען צו די לצים, צו די "עכטע" ברסלב. אויב וועסט זיך דערהאלטן."

דאס איז געווען אן אויפוואכונג פאר יעדן "אז מען דערהאלט זיך קומט מען אן צו שיינע זאכן. אז מען היט זיך פון לצים (דורך תפילה) איז מען זוכה צו וראה בנים לבניך שלום על ישראל."

אזויווי דער ראש ישיבה האט זיך געיאגט צו די בחורים האט מען געמאכט א שנעלע סעודה. עס האט מיר זייער געקאפט וויאזוי די סעודה איז געפארן שנעל און געשמירט, אבער אינצווישן, ווי אויסגעשמועסט איז געווען אזעלכע שיינע שכל און שמועסן. עס האט זיך נישט געשפירט געיאגט. הגם דער ראש ישיבה האט געהאלטן אין איין האלטן חשבון אויף די זייגער און אויסגערעכנט אז די סעודה זאל זיין געשמאק, רואיג און געשיקט.

דער ראש ישיבה האט געהאלטן אין איין באדאנקען פאר די עסן. און אזוי אויך איז אינטערסעסאנט אנצומערקן אז דער ראש ישיבה האט נישט ארויסשפאצירט נאך די סעודה מיט א "גוט שבת", נאר זיך געשטעלט אפרוימען אזוי שנעל און געשיקט, און נאר דערנאך ווען אלעס איז געווען פארטיג און מסודר האט דער ראש ישיבה געזאגט "א גוט שבת, איך גיי אראפ אביסל זינגען מיט די בחורים."

## לעובדא ולמעשה

מער ווי מיר האבן געשריבן האבן מיר בייגעוואוינט. עס בלייבט איבער צו מתפלל זיין אז מען זאל זוכה זיין אריינצונעמען די לימודים און חיזוק אין הארץ אויף לעובדא למעשה אזויווי דער הייליגער רבי האט געוואלט.

אין שיחות הר"ן (שיחה י"ד) זאגט דער הייליגער רבי אז ער איז מקנא דעם ערליכן איד, "עס דאכט זיך צו אז מען גייט ארום מיט קישקעס און גלידער ווי אנדערע מענטשן אויף די וועלט", אבער אין אמת'ן איז עס אן ענין אחר לגמרי, אן אנדערע בחינה. "ווייל אן ערליכער מענטש (צדיק) איז זייער טייער, וואויל איז אים, און דער הויפט איז די ווילן און בענקעניש..."

אז דער אייבערשטער געט אמאל די זכי' און מען איז זוכה צו זען דאס וואס דער רבי' זאגט, אן ערליכער איד וואס דער עיקר רצונות איז בענקעניש צום אייבערשטן, אז מען זעט אמאל א שטראל פון התגלות איז דאס עפעס וואס מען דארף מיטטיילן.

זייענדיג ביים סעודה פון ראש ישיבה און מיטהאלטנדיג די שמועסן וואס "מיט יעדע שמועסן וואס איך שמועס מיט ענק קען מען ווערן א ערליכע איד, אבער נישט סתם אן ערליכע איד, נאר אן ערליכע איד אזויווי איך וויס אן ערליכע איד", ווערט מען מרוגש צו טראכטן און זיך דערמאנען, "א מופת בין איך!"

און דער עיקר וואס מען דארף איבערגעבן איז די יראת שמים און כיסופים צום באשעפער וואס דער ראש ישיבה געבט אריין אין אונז פשוט'ע מענטשן, יעדעס מאל אויף א צווייטע אופן, ביז דער רבי' מאכט פון אונז פשוטע מענטשן, ערליכע הייליגע אידן.

# היכל הלכה



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות קידוש

### סימן רע"א סעיף ג'

דער הייליגער מחבר פסק'נט סעיף ג: **אם אין ידו משגת, לקנות יין לקידוש ולהכין צרכי סעודה, לכבוד הלילה, ולכבוד היום, ולקידוש היום** - איינער וואס האט נאר זייער ווייניג געלט, אדער ניצט ער עס פאר קידוש פון פרייטאג צו נאכטס, ממילא האט ער שוין נישט גענוג געלט פאר קידוש פון שבת צופרי, און נישט פאר די סעודה פון צופרי/ביינאכט - און מ'רעדט אז ער האט א כזית חלה, אדער זאל ער עס ענדערש ניצן פאר די סעודות.

זאגט דער מחבר, אז קידוש פון פרייטאג צו נאכט'ס קומט פאר די קידוש און פאר די סעודה פון צופרי. דער משנה ברורה סק"ז איז מסביר; היות קידוש פרייטאג צונאכטס איז א דאורייתא, ממילא קומט עס פאר א סעודה וואס איז א מצוה מדברי קבלה, וואס מ'לערנט עס ארויס פונעם פסוק (ישעיה נח יג) **וקראת לשבת עונג**, וואס פון דארט דרשנ'ט מען די מצוה פון עונג שבת.[42]

דער מחבר שרייבט ווייטער; דאס וואס ס'שטייט אין די ברייתא (פסחים קה.) **כבוד יום קודם לכבוד לילה** - אז מכבד זיין בייטאג פון שבת קומט פאר ביינאכט, דאס איז אלץ אנדערע זאכן פון די סעודה, **אבל אם אין לו אלא כוס אחד לקידוש, כבוד לילה קודם לכבוד יום** - אבער טאמער ער האט בלויז איין כוס פאר קידוש, דעמאלט קומט ביינאכט פאר בייטאג.

**מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר ערקלערן די מצוה פון מכבד זיין דעם בייטאג מער ווי די נאכט.**

**הקדמה:** ס'איז דא א מצוה מדברי קבלה פון די נביאים[43] - פון עסן סעודת שבת, און דער מחבר (סימן ר"נ סעיף ב') ברענגט פונעם רמב"ם; ירבה בבשר ויין ומגדנות "כפי יכלתו" - מ'זאל פארמערן מיט פלייש און וויין און מיט גוטע זאכן, לויט לויט וויפיל געלט ער האט. פון דא זעט מען נישט קיין חילוק צווישן שבת ביינאכט און שבת צופרי,ביידע דארף מען מכבד זיין דאס מערסטע וואס איז שייך.

אבער אויב איינער האט ווייניג געלט און ער קען קויפן א גוטע מאכל, בלויז פאר איין סעודה, זאל ער עס קויפן פאר די סעודה פון אינדערפרי, אבער טאמער ער קען מאכן צוויי סעודות, איז נישט דא קיין חיוב צו מאכן עפעס מער לכבוד די צופרי סעודה.[44]

ס'איז דא וואס זאגן אז מ'האט מתקן געווען באזונדערע מאכלים פאר די צופרי סעודה און באזונדערע פאר די ביינאכט סעודה, כדי יעדע סעודה זאל זיך האבן זיין אייגענארטיגע חשובות.[45]

יד] אבער אויב האט מען א גוטע מאכל, בלויז גענוג פאר איין סעודה, און ס'איז א מאכל וואס מ'קען עס עסן בייביידע סעודות, ווי למשל אייזקריי"ם, אייסע"ס, דארף מען עס אוועקלייגן פאר די צופרי סעודה.

די טעם פארוואס די סעודה פון אינדערפרי האט א גרעסערע חשובות איז דא עטליכע טעמים: 1) די מצוה פון עונג שבת שטייט מער ארויסגעשריבן אויף צופרי; **ויאמר משה אכלהו "היום"**.[46]

2) בדרך כלל איז מען מער הונגעריג בייטאג, ביינאכט האט מען דאך געגעסן במשך דעם טאג.[47] 3) די עיקר סעודה פון א מענטש איז בייטאג.[47] 4) די עיקר סעודה פון א איד איז צופרי.[47]

5) ועל כולם, מ'זעט אז שבת צופרי האט א גרעסערע קדושה פון פרייטאג צו נאכטס. דער אר"י הקדוש שרייבט (שער הכוונות דף עג.) **צריך לטבול בבוקר ביום השבת, אף מי שאין דרכו לטבול בכל בוקר בימות החול** - מ'דארף זיך טובל'ן שבת אינדערפרי, אפילו אזא איינער וואס א גאנצע וואך גייט ער נישט אין מקוה, **כי הוא כדמיון מה שביארנו שצריך לטבול בכל ערב שבת כדי להפריש מן החול לשבת** - אזוי ווי מ'דארף זיך טובל'ן ערב שב"ק, כדי זיך אפצוטיילן פון די וואכנ'דיגע טעג, **כן צריך עתה בשבת בבוקר טבילה אחרת** - אזוי דארף מען יעצט שבת אינדערפרי א פרישע טבילה, **כי הפרש גדול יש בין קדושת ליל שבת לקדושת יום שבת שהוא קדושה יתירה** - ווייל ס'איז דא א גרויסע חילוק צווישן שבת ביינאכט און שבת בייטאג, וואס שבת בייטאג האט א גרעסערע קדושה. און דער אר"י הקדוש ענדיגט צו; **ומ"מ יש חילוק ביניהם** - מיט דעם אלעם איז דא א חילוק צווישן די טבילה פון פרייטאג און די טבילה פון שבת צופרי, **כי בערש"ק הוצרך לב' טבילות, הראשונה להפשיט בגדי חול מעל נפשו, והשניה להתדבק ולהמשיך בו קדושת שבת, אבל עתה בבוקר יום שבת די לו בטבילה אחד להמשיך עליו קדושה עליונה של יום שבת** - עש"ק דארף מען זיך טובל'ן צוויי טבילות; איין טבילה אראפצונעמען די וואכנדיגקייט פון זיך, און די צווייטע צו ברענגען די הייליגקייט פון שבת אויף זיך, אבער שבת צופרי, איז גענוג איין טבילה פשוט צו נעמען אויף זיך די הייליגקייט פונעם שבת, ואיננו מפשיט מעליו ח"ו קדושת ליל שבת - מ'נעמט נישט אראפ פון זיך די הייליגקייט פון פרייטאג צו נאכטס.

זעט מען אז די הייליגקייט פון שבת צופרי איז אסאך העכער פון פרייטאג צו נאכטס, ממילא פארשטייט מען שוין פארוואס כבוד יום עדיף! אגב, זעט מען אויך פון דעם די גרויסקייט פון די טבילה פון שבת קודש אינדערפרי.

## מקורות והערות

42) במשנ"ב מוסיף; ואע"ג דמצות עשה מה"ת יכול לקיים בזכירת דברים של שבת בלבד, ועל היין אינו אלא מדברי סופרים, אפ"ה כיון דעיקר קידוש הוא גם יין שלו קודם לכל, וגם מוסיף דאם המדובר דאין לו פת בכלל, אזי יקנה פת, ויקדש עליו, וגם יוצא בזה סעודת הלילה.

43) בשער הציון סי' רמ"ב סק"א מביא דעות דהוי מה"ת, רמב"ן פר' אמור: ספר החינוך מצוה רצ"ז, ובב"י סי' תפ"ז דהוי מדברי סופרים, ואפי' לדידהו, דהיינו דהוי מדברי סופרים צריך ליזהר מאד בזה, שחמורים דברי סופרים יותר מדברי תורה, ושכר מפורש בקבלה (ישעיה נ"ח י"ד) אז תתענג על הוי"ה.

44) חוץ די ד' פונעם מהרש"ל, די מהרש"ל האלט און ער שרייבט (יש"ש גיטין פ"ד סי' נ"א) אני קורא תגר על בני עמי, זרע קודש שומרי שבת, אשר קל בעיניהם להשוות סעודת בוקר לסעודת ערב - איך וואונדער זיך אויף ערליכע אידן, וואס זיי מאכן אייניגע סעודות ביינאכט און צופרי... און ער פירט דארט אויס בזה"ל: ואני גדרתי בעצמי שלא לאכול דגים בליל שבת, שהוא דבר חשוב ומסיום, ואוכל אני אותם בבוקר, ואז אפילו יעשו בליל שבת כמה מעדנים לא ישוו לסעודת שחרית שיש בה דגים - איך האב מיר געמאכט א גדר; פיש וואס איז זייער א חשוב מאכל עס איך נאר שבת צופרי, אזוי ארום וואס מ'וועט נאר אלץ צו לייגן צום ביינאכט סעודה וועט עס נישט צו קומען צום צופרי סעודה וואס האט פיש ע"כ. עכ"פ זעהט מען אז די מהרש"ל האלט אז די צופרי סעודה מוז זיין אסאך מער א חשוב'ע סעודה פון ביינאכט.

45) כן ראיתי בספר שבת בשבתו. 46) כן איתא בחסדי דוד לתוספתא ברכות ג י"ב. 47) הני ג' טעמים איתא בערוך השולחן סי' רפ"ט סעיף ב'.

# קוק אהער

## א פאלאץ פון שטרוי

יא פיין געדענק איך נאך גוט יענע גורלדיגע מינוטן, מ'האט מיך שוין געהאט געפאקט ביי די מעשה.... איך בין דער וואס האט אנגעצונדן די פייער...

איך געדענק נאך גוט דעם פילינג - שטייענדיג אינדרויסן פונעם מנהל אפיס אין קעמפ, טראכטנדיג צו מיר 'פארוואס האסטו דאס געדארפט טון? וואס האט דיר דאס אויסגעפעלט?'

יעצט גייט מען רופן מיין טאטע, און איך גיי כאפן כפל, סיי פון אים און סיי פונעם מנהל.... און איך פרעג זיך אזוי צו זיך אין מיין קאפ 'פארוואס אייביג דו?'

'פארוואס מוז אייביג פונקט דיין נאמען לויפן סינאנים מיט טראבל?'

'וואס פעלט דיר? פארוואס קענסטו נישט זיין אזוי ווי די וואוילע בחורים וואס קומען גייען לערנען שפילן און ווערן קיינמאל נישט פארהאנקעט מיט די הנהלה?'

און גענוי דערויף וואס מיין מח ענדיגט מיר פרעגן דעם קרייץ פארהער מיט שאלות, באזזט די טיר פונעם מנהל "קום אריין" הערט זיך זיין שטרענגע דינערדיגע שטימע...

מיט ציטערדיגע הענט און פוס, און מיט א פנים וואס פארציילט א געשיכטע פון שולד, פרעגט מיר דער מנהל די זעלבע שאלות וואס איך האב זיך נאר וואס אליינס געפרעגט... און ער לייגט צו "קודם כל האט א בחור נישט קיין שום סיבה זיך צו דרייען מיט פייער בכלל... און וואסערע הנאה איז דא אין אנצינדן א פעקל אשר יצר פאפיר און דערנאך צו ווארפן מיסט און שפרינגן און טאנצן? וואס איז דער יו"ט?"

"און דו ווייסט וואס פאר א סכנה דאס איז? ביז מינוטן קען חלילה אזא פייער זיך פארשפרייטן און אפברענען דעם גאנצן קעמפ! ס'איז דא דא שטחים פון גראז מיט ביימער, אויב דו ביסט לאנגווייליג נעם א חבר און שפיל מיט אים באלל... ס'איז דאך דא אזוי פיל צו טון דא."

איך האב זיך אפילו נישט פרובירט צו פארענטפערן, וואס קען איך זאגן? דער מנהל איז דאך אזוי גערעכט! אבער איך האב עפעס א משוגענע יצר הרע צו טון טראבל צו קאלירן אינדרויסן פון די ליין, איך קען עס נישט מסביר זיין, איך האב פשוט א רייץ פאר דעם!

מנהל, איך בין שולדיג געבט מיר וואס קומט מיר און שוין....

און מיין טאטע איז געקומען, און דעמאלט האב איך שוין טאקע טיף טיף חרטה געהאט... בקיצור אין קעמפ קען מען זאגן אז מ'האט געמאכט א לעבן, אדער קען מען זאגן אז מ'האט זיך געלערנט אויפן לעבן....

אבער אזוי איז געווען. ווען איך האב געלערנט אין קעמפ מיט בערך צען יאר צוריק ווער ס'האט געוואלט האבן פאן האט געמאכט א פייער אדער געדרייווט די גאלף קאר, די שעפערישע האבן זיך באהאלטן כלים צו קאכן טעפ מיט א קליינע אייוועלע... דער כיטרערע האט זיך פארפאקט א קליין מעסערל וואס ער האט אויך נישט געוויסט פונקטליך וואס צו טון מיט דעם. און ממש דער שפיץ צרה לייט האבן זיך שוין געוואגט צו האבן באהאלטענעהייט ציגערעטלעך וואס מ'פלעגט מיט דעם גיין אין וואלד אנגעטון מיט א רעגן מאנטל ארייינשטעקן דעם צוגערעטל אין א גאפל' זיך אנטון הענטשיך און נאכדעם גוט היסן איבערן צוגערעטל....

***

עטליכע וואכן צוריק האב איך ארייינגעשטויסן אין א בחור וואס איז געווארן ארויסגעווארפן פון א קעמפ' און זעענדיג אז ער קוקט אויס צוגעלייגט בין איך געגאנגען שמועסן מיט אים אביסל.

איינמאל ער איז שוין געווען אביסל אויפגעלייגט' פרעג איך אים "לאמיר שוין הערן מיט וואספארא חטאים האט מען דיר געכאפט? א פייער? א מעסער? א ציגערעטל גאר?"

"ניין ניין...."

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



"מ'האט מיר געכאפט מיט אן עס. די קארטל אנגעפילט מיט השם ישמרינו!"

איך שפיר ווי מיין הארץ פארפעלט א קלאפ' דער בחור קוקט נאך אויס יונג אפשר פופצן יאר, און א חסידישער בחור מיט די שמונה בגדים, ווי אזוי איז דאס מעגליך?

דער בחור זעט ווי איך עפן אפאר אויגן און איך קען נישט ארויסרעדן קיין ווארט, זאגט ער מיר איך זאל אים נישט אנקוקן אזוי שלעכט, ווייל מ'האט אים נישט פארדעם ארויסגעווארפן... ווייל דאס האבן אסאך בחורים.... מ'האט אים ארויסגעווארפן פאר די חוצפה אז ער האט נישט באהאלטן זיין קארטל.... ה"י...

איך פרעג דעם בחור "דאס איז עס? נישט דא מער קיין פייערס מיט קיין איבערדרייערס, אלעס זיצט און קוקט רח"ל...." זאגט ער "יא ה"י..."

זאג איך אים "קוק אהער... ווען איך בין געווען א בחור אין איך האב זיך געוואלט גיין אויסלופטערן, פלעגן מיר נעמען א קאר אויף א דרייוו, פארן צווישן די בערג און טאלן... איך ווייס נישט אויב פאר דיר איז עס אינטערעסאנט, אבער אויב ווילסטו קענען מיר גיין אויף א דרייוו א זיך אביסל אויסלופטערן". יא ער קומט.

אזוי פארנדיג אויף די בערג אין די וויסטע קעטסקיל ראיאן, בין איך דורכגעפארן עפעס א קליינטשיק שטעטעלע, און איך האב געמאכט א סטאפ דארט אין באנק עפעס צו ערלעדיגן.

קומענדיג אריין אין באנק גיי איך דורך די צוויי סעקיורעטי טירן מיטן סעקיורעטי מאן, דארט ביים טיר פון פארנט זיצט דער סעקרעטאר, ווען פון אונטן ביי די זייט קען מען אנזען דעם גרויסן מעכטיגן אייזערנע טיר פונעם סעיף ווי מ'האלט די געלט.

איך בין זיך מסדר מיינע זאכן, איך טאנץ צוריק אריין אין קאר און ויסעו מיר פארן ווייטער איבער די שיינע ליידיגע וועלדער און פעלדער, ווען דא דארט פארט מען דורך נאך עפעס א באנגעלוי קאלאני מיט נאך א קעמפ.

אינמיטן קומען מיר אן צו א לאנגע לאנגע וויסטע גאס, ווען פון ביידע זייטן איז נאר דא פעלדער מיט גראז, די גאנצע וועג און אזוי צווישן די ליידיגע פעלדער שטייט א ריזיגע פעסטונג א בנין פון עטליכע שטאק א פראכט!

די נייגער האט מיר גוט געשטופט.... איך ציי אריין מיין קאר אהין, איך קום ארויס פונעם קאר, און מיר שפאצירן צו צום בנין, לאמיר זען וואס דא גייט פאר...

ארויפשפאצירט דעם בלאטיגן וועג, און מיר טרעפן זיך שטיין פארנט פון א ריזיגע טויער. איך געב א קליינטשיגן שטוס און דער טויער עפענט זיך ברייט אויף, נישט דא קיין אריינפיר צימער, נישט דא קיין שלאס, נישט דא קיין מעשיות, מיר טרעפן זיך שטיין פארנט פון בינטלעך שטרוי.

אקעי'.... צוריק אין קאר און מיר פארן צוריק...

דורכפארנדיג דעם באנק אויפן וועג אהיים, הער איך ווי די באנק שרייט צו מיר "היתכן!!!"

וואס איז דער חוצפה?! פארוואס פונקט מיך? ווי אזוי קען זיין אז דער ריזיגע שטרוי פעסטונג קען שטיין אזוי אפילו אן א שלאס, און איך קליין צושטופטע באנק מוז איך האבן טויערן מיט שלעסער סעקיורעטי מיט אלארמס... ממש אז א היטער מוז שטיין ביים טיר, ווייל אויב נישט גייט מען מיר שוין באפאלן...



ווי איז די יושר?

פארוואס פונקט איך האב אזוי פיל מניעות, יעדער וויל מיר יעדע מינוט אונטערברענגען, און יענע פארט ווי א באן! היתכן? מה פשעי ומה חטאתי?

ווי קען זיין אז דארט פארט אלעס געשמירט, קיינעם שטערט עס נישט.... נישט דא קיין חלישת הדעת, נישט דא קיין מניעות, אדרבה געלט, כבוד, וואס דו ווילסט... די טויערן זענען ברייט אפן!

און איך פאר מיך יעדע ריר איז נאכאמאל יסורים. היינט איז עס מניעות פון דעם און יענעם משפחה וכו', מארגן איז עס מיין אייגענע חלישת הדעת. א טאג דערויף דאכט זיך מיר שוין אז מ'איז אויף מיר ברוגז, מ'פילט זיך ווי א דשוק צווישן די פעסטע חברה וואס 'האבן עס'...

יעדן טאג מוזטו הערן שיעורים און האבן שיחות חברים, א גאנצע סעקיורעטי סיסטעם, איך מוז זיין אין פלאץ ווייל אויב נישט גייסטו בלייבן אן גארנישט...

וואס בין איך שולדיג? פארוואס קען איך נישט זיין פונקט ווי יענעם? ער איז שענער ער איז גרעסער, כבוד מלכים באקומט ער וואו ער גייט. נאר ער דארף נישט אכטונג געבן אז יעדע ליאדע סעקונדע קען אים א ליצנות אוועקפירן פון דא... ער ברויך נישט קיין התחזקות, ער דארף נישט קיין טעגליכע שיעור, אן אינדזעקשען אז ער זיאל בלייבן פאקוסירט מיטן לעבן, און געדענקן צו רעדן שיין אין שטוב...

ער דארף גאארנישט, ס'איז אים פלעין (נישט) גוט...

נא זאג דו א תירוץ... פארוואס טאקע?

מוז זיין אז ס'איז פול מיט שטרוי, זיין ריזיגע געביידע איז א בארג שטרוי, קיינער לאקערט נישט אויף דעם קיינער דארף עס נישט... קענסט דיך גערן האלטן מיט דעם.... אויף דעם איז טאקע נישט דא קיין מניעות, נישט דא קיין חלישת הדעת, אדרבה געב א קליינעם שטופ דעם טירל און דו ביסט דארט...

אבער אויב ליגט אין דיר גאלד וועט עס דארפן זיין סעקיורד, דו וועסט מוזן לייגן א גראבע אייזענע טיר, דו וועסט מוזן זיין באוואפנט ביז די ציין מיט שיעורים התחזקות און שיחות חברים אז מ'זאל דיך נישט בארויבן פון דיינע אוצרות!

שכח אייבערשטער אז מיר געפונען זיך אין דעם גרעסטן אוצר אין חדר היכל הקודש, ווי מיר פאלגן בתמימות די עצות פון הייליגן רבי'ן וואס האט צוגעזאגט אז ווער ס'וועט פאלגן זיינע עצות וועט ווערן א גרויסע צדיק!

אוודאי איז דא חלישת הדעת, אוודאי איז דא שווערע טעג, אוודאי שפירט אסאך מאל אזוי צובראכן און מ'טראכט 'קוק אויף דעם קוק אויף יענעם וכו'....'

אבער אז מיר וויסן פארוואס דאס קומט, ווייל דא באקום איך גאלד, דא באקום איך לעבן, פארדעם מוז מען זיך דא אזוי גוט באפאנצערן, אז מ'זאל מיר נישט צו נעמען מיינע אוצרות!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

פאר די ברסלב'ע שטוב

# וואו ווענדסטו דיינע פיסטריט?

ג. פעקעטע

**גענזונט ווערן אין איין מינוט**
ש. טראכטער

**מיין זעקל ביינער**
ש. ל. פליישמאן

ש. טראכטער



# געזונט ווערן אין איין מינוט

א באזוך ביים דאקטער האט פעסטגעשטעלט אז מיין זון האט א קאנדישן אויף די הויט וואס מען דארף היילן מיט א געוויסע מעדעצין. דער דאקטער האט פארשריבן א פיל וואס ער וועט דארפן נעמען יעדן טאג פאר פיר חדשים.

מיין זון האט אנגעהויבן נעמען די פיל. נאך א וואך קומט ער מיר זאגן אז ער זעט נישט קיין שום רעזולטאטן. מיר האבן אנגערופן דעם דאקטער, וואס האט אונז מסביר געווען אז אונטער זעקס וואכן איז נישט שייך צו מאכן אן אנאליז צו זען אויב די מעדעצין ווירקט. די סארט מעדעצינען ארבעטן נישט ווי קארטאזאן, עס ווירקט צוביסלעך, שטייט און לאנגזאם. אבער אז ער וועט דאס נעמען יעדן טאג, וועט ער ביז אפאר וואכן זען א שינוי.

דאס איז געווען שווער פאר מיין קינד צו פארדייען. "איך נעם יעדן טאג די מעדעצין און איך זע נישט קיין שום בעסערונג. עס ארבעט נישט. איך נעם עס נישט מער."

נאכמער, עס זענען געווען טעג, וואס די אויסשלאג איז געווארן ערגער, און איך האב אנגעהויבן קלערן אפשר איז די מעדעצין טאקע נישט ווירקזאם. אפשר איז מיין קינד אלערגיש צו די מעדעצין.

אבער דער דאקטער האט מיר מסביר געווען אזוי גייט עס, "עס ווערט ערגער, איידער עס ווערט בעסער." דאס איז אייגנטליך א סימן אז די מעדעצין ארבעט.

טאג נאך טאג, האב איך אים געדארפט צורעדן אז מען דארף עס נעמען אפילו מען זעט נישט קיין חילוק. די חילוק געשעט אינעווייניג אין די קערפער און צוביסלעך וועט זיך עס אנזען אויף די הויט.

עס איז אריבער אפאר וואכן. מיר האבן אנגעהויבן זען א שינוי, אבער זייער א קליינע. דאס קינד איז אויסגעלאפן פון סבלנות. "מאמי, איך האב געוואוסט, עס ארבעט נישט."

עס האט זיך אויסגעפעלט אייזערנע נערוון צו מסביר זיין טאג נאך טאג אז עס ארבעט יא, אבער עס געדויערט א שטיק

צייט ביז מען זעט די תוצאות דערפון.

נאך א טאג און נאך א טאג, נאך א חודש און נאך איינס און צוביסלעך האבן מיר געזען ווי די הויט ווערט אים אלץ בעסער און בעסער. ב"ה ווען די פיר חדשים זענען אריבער איז זיין הויט פארהיילט געווארן.

...

א ווייבל דערציילט מיר אז גייענדיג נאך געלט אין די קאנטריס פאר די אנשי חיל קאמפיין האט זי אנגעטראפן א חבר'טע וואס האט זיך געמוטשעט מיט א זון, ליידער איינע פון די נשמות ישראל אויף וועמען דער ראש ישיבה וויינט כסדר אז מען קען זיי אלע צוריקברענגען מיט די עצות פון רבי'ן.

שמועסנדיג מיט איר חבר'טע האט זי איר געזאגט, "אפשר וואלט דיין בחור געקענט הנאה האבן פון די שיעורים פון דער ראש ישיבה." אבער די חבר'טע האט דאס אוועקגעמאכט, "נע, עס ארבעט נישט פאר אונז. מיין זון האט שוין איין טאג פרובירט די "משניות זאך" אבער עס איז נישט פאר אים!

ווען עס קומט צו תורת הנפש, די וועלט פון טערעפי, איז די ערשטע כלל אז מען קען נישט ערווארטן רעזולטאטן אונטער אפאר חדשים, א מינימום פון זעקס חדשים. אין געוויסע פעלער, ווי מיין חבר'טע וואס האט געשיקט איר קינד צו ספיטש טערעפי (רעדן) האט מיר געזאגט, זאגט מען, "מען קען נישט ערווארטן צו זען א בעסערונג אונטער "צוויי יאר"!"

איז פארוואס ווען עס קומט צו עבודת ה', ערווארן מיר צו זען "אינסטענט רעזולטאטן." ריכטיג, מיר לעבן היינט אין א וועלט פון "יעצט, אויפן מינוט." דאס מאכט אונז שווערער צו ארבעטן אויף סבלנות. ווער ווייסט נאך פון א מושג פון ווארטן אויף א באס? (אפשר אונזערע שוועסטערס פון ארץ הקודש?) מען רופט אריין די bus tracking און ווען די באס איז דא, שיקט מען ארויס דאס קינד. די עסן איז קאלט, ווארעם עס אן אין מיקראוועיוו... א וואש מאשין, א דרייער, א דריק פון א קנעפל און אלעס איז מסודר.

אבער ווען עס קומט צו געזונט, גשמיות, נפשיות און אוודאי רוחניות, דארפן מיר אסאך סבלנות. נישטא קיין אינסטענט רעזולטאטן. נישטא קיין עי. איי. פראגראם וואס קען מיר אויסארבעטן די מידות, מיר מאכן פאר א וואוילע מאמע, ווייב, איד וכו'. דאס קומט מיט טעג און וואכן, חדשים און יארן פון תפילה והתבודדות.

דער הייליגער רבי לערנט אונז אז אפילו מען זעט אז מען ארבעט ימים ושנים, טעג און יארן און עס רוקט זיך נישט, זאל מען נישט אויפגעבן, נאר ווייטער ארבעטן און ווייטער הארעווען. דאס מיינט ווייטער מתפלל זיין און ווייטער וויינען צום אייבערשטן ביז מען וועט סוף סוף זוכה זיין אז מען וועט אונז עפענען די טיר צו גן עדן און אונז לאזן אריין.

א ווייבל זאגט מיר, "התבודדות ארבעט נישט ביי יעדן." איך האב איר פארראכטן, "התבודדות ארבעט נישט ביי קיינעם– גלייך אויף די מינוט!" עס נעמט צייט. פונקט ווי א מעדעצין אדער א וויטאמין וואס מען זעט נישט די רעזולטאטן אויפ'ן מינוט, נאר איך ווייס אז עס מאכט א חילוק אין מיין קערפער, אזוי אויך איז מיט התבודדות, תפילה און עבודת ה'. עס ארבעט, אבער איך זע נישט די טויש אויף די מינוט. אני מאמין, מיר ווייסן און מיר גלייבן אז יעדע דיבור, יעדע תפילה איז נישט סתם לופט, נאר עס ווערט פון דעם באשאפן מלאכים און שרפים וואס העלפן מיר שטייגן אין עבודת ה'. איך ווייס און איך גלייב אז יעדע התבודדות, יעדע שמועס, יעדע קרעכץ איז א לעפל מעדעצין וואס ווירקט אויף מיין נשמה אפילו איך שפיר עס נאכנישט.

און נאכמער, אסאך מענטשן האבן די שאלה, אז מען שפירט אז דוקא זייט מען איז אנגעקומען צום רבי'ן איז פונקט פארקערט. מען שפירט ווי די עבודת ה' גייט שווערער. אמאל האב איך געהאט מער סבלנות, אמאל האב איך געהאט ווייניגער קנאה, כעס וכו'. וואס גייט פאר?

דער הייליגער רבי רעדט שוין דערפון אין שיחות הר"ן. דער רבי זאגט אז ווען א מענטש הייבט אן אריינקומען אין עבודת ה' הייבט זיין נשמה אן צו קאכן און פונקט ווי א טאפ וואס ווען עס הייבט אן צו קאכן מישט זיך אויף די אונטערשטע מיט די אויבערשטע, די גרינצייג בלעזלט (באבלט) ארויף און אראפ, אזוי פאסירט אויך מיט אונז. ווי נאר די נשמה הייבט אן קאכן, הייבט זיך אן צו מישן די אלע אלטע בלוט און מידות. אבער, דאס איז אייגנטליך א סימן אז די מעדעצין ארבעט. עס מישט און קאכט ביז עס קאכט זיך אויס.

זאג נישט, "די עצות זענען נישט פאר מיר." זאג, "איך זע נאכנישט די רעזולטאטן פון די עצות ביי מיר." אבער אז דו וועסט גלייבן און פאלגן די עצות פון צדיקים מיט תמימות און פשיטות דאן וועסטו איין טאג צוריקקוקן און זען וויפיל דו ביסט געשטיגן.

אז מען האט "פרובירט איין טאג משניות", אדער איין טאג "התבודדות" און מען האט געזען אז דאס ארבעט נישט, איז מען נישט אנדערש ווי א קינד וואס פארפירט אז די מעדעצין ארבעט נישט נאכן איינעמען פיר לעפלעך. די עצות פון צדיק ארבעט נישט ווי א קנעפל פון עי. איי.

עבודת ה' איז נאך פון די איינציגסטע זאכן וואס זענען געבליבן פארצייטיש, מען דארף נאך ארבעטן דערויף. עס איז נישט גרינג, אבער עס לוינט.

אזוי אפט שפירט מען ביי זיך אז מען גייט דריי טריט, און מען פאלט צוריק פיר. און מען וואונדערט זיך, "אויב דאס פאסירט מיט מיר ווייל איך בין געווארן מקורב צון רבי'ן, אפשר איז די גאנצע "ברסלב'ע מצב" נישט פאר מיר." שוועסטער, א שאד צו אנטלויפן פאר שולחן עורך. ווארט צו נאך אביסל, יעצט קאכט דיין בלוט, יעצט קאכט דיין נשמה, עס איז א גוטע סימן, עס מיינט אז די מעדעצין ארבעט. און אז דו וועסט עס נעמען ערליך יעדן טאג, וועסטו זען ניסים.

נישטא אזא זאך, "התבודדות ארבעט נישט, תהילים ארבעט נישט." קען זיין דו האסט נאכנישט גענומען די ריכטיגע דאזע דערפון. דעם רבי'ן'ס טערעפי קען מען נאר אפשאצן נאך א יאר. ווי דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט, "עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל א יאר צייט ליינען עצתו אמונה און הערן די שיעורים און ער טוישט זיך נישט. (אוודאי מיינט דאס פאלגן די עצות. אויב נישט איז כאילו דו האסט די מעדעצין אין שאנק און דו האסט טענות צום דאקטער אז עס ארבעט נישט.)

נאך א תפילה, נאך א טאג, נאך א וואך און נאך א חודש און די רעזולטאטן וועט זיך אנזען. נאר אינצווישן מאך א תפילה אז מיר זאלן זוכה זיין זיך צו דערהאלטן און אויסווארטן די ליכטיגע ענדע.

# ווארעמע ברעסטן



***אין קורצן פון פריער: בתי' - קינד פון ר' יודא לייב וזוגתו בילא מייזליק ז"ל, איז געבליבן לעבן נאכן צווייטן וועלט קריג, מיט מסירות נפש היטן זיי אידישקייט אין רוסלאנד. די קעי זשי בי לאקערט אויף טריט און שריט.***

***און יעצט ליינט ווייטער:*** מיר ווייסן אז דער הייליגער רבי האט זייער מקפיד געווען אויף שמחה. דער רבי האט אמאל געזאגט אז מען זאל זיך אפילו נאריש מאכן אבי זיין פרייליך. שמחה טראגט דורך די מענטש אין די שווערסטע מצבים. אזוי האבן די אידן אין רוסלאנד זיך דערהאלטן מיט הומאר. אסאך ווערטלעך האבן זיך געדרייט צווישן מענטשן וואס האבן עטוואס דעהויבן די דערשראקענע און צובראכענע געמיטער.

א מעשה'לע (שלא היה) וואס האט מען האט דערציילט אין יענע יארן: א רעגירונגס אגענט איז געקומען מאכן אן אינספעקשן אין א געוויסע שולע. די לערער האט שוין פון פריער צוגעגרייט די קינדער און זיי אנגעזאגט אז זיי זאלן זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין. גרייטנדיג זיך צום גרויסן טאג האט ער געפרעגט זיינע שילערס, "ווער האט א שיינע פאטריאטישע מעשה צו דערציילן?"

איין שילער מיט'ן נאמען יורי האט זיך אנגערופן אז אין זייער הויף וואוינט א קאץ וואס האט נעכטן געבוירן זיבן קעצלעך און זיי זענען אלע געטרייע קאמיוניסטן."

די לערער האט זייער הנאה געהאט פון די מעשה און עס ספעציעל אויסגעלויבט.

ווען דער רעגירונגס באאמטע איז אריינגעקומען אין קלאס, האט דער לערער זיך געוואנדן צו יורי, "יורי דערצייל דיין מעשה."

דער יונגער סטודענט האט זיך אויפגעשטעלט און דערציילט, "א קאץ אין אונזער הויף האט געבוירן זיבן קעצלעך און זיי זענען אלע געטרייע קאפאטיליסטן (שונאים פון די רוסן א שטייגער ווי אמעריקאנער).



## 23

## ש. טראכטער

דער לערער איז געווארן זייער אויפגעברויזט, "יורי. נעכטן האסטו געזאגט אז זיי זענען קאמיוניסטן."

"ריכטיג" האט דער יונגער אויבער-חכם געענטפערט, "די קעצלעך זענען געבוירן מיט פארמאכטע אויגן, איז פארשטענדליך אז זיי זענען געווען גוטע קאמיוניסטן אבער עס איז אריבער אפאר טעג און זיי האבן שוין געעפנט די אויגן..."

...

די גורל איז אויך געקומען אויף משפחת מייזליק. איין טאג איז ר' יהודה לייב נישט אהיימגעקומען. עס איז אריבער א שעה און נאך איינס און מרת ביילא מיט איר טאכטער בתי' האבן אנגעהויבן שפירן א שרעקליכע פחד. נישט אנקומען אהיים האט געמיינט נאר איין זאך, "פארכאפט."

ביילא איז ארומגעלאפן אין אלע שפיטעלער און דערנאך אין פאליציי סטאנציע צו זען אויב זי קען געוואויר ווערן עפעס מער איבער איר פארלוירענע מאן. אבער קיינער האט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט און זיך נישט מטריח געווען אפילו צו קוקן אויף איר זייט. די אייז קאלטע רשעות און גלייכגילטיגקייט צו יענעם'ס צרות האט געשטימט מיט'ן קאלטן קלימאט פון רוסלאנד.

נאכן' ארומלויפן שעות אויף שעות האט איין פאליציי מאן זיי מיט זיין גרויס גוט הארציגקייט זיי געלאזט וויסן א ברעקעלע נייעס, "איר פארשטייט נישט אליינס אז ער איז פארכאפט דורך די געהיים פאליציי?" ער האט זיי געראטן אז זיי זאלן בעסער פארמאכן די מויל, נישט פרעגן און נישט רעדן ווייל דאס וועט זיי ברענגען נאך מער צרות.

הילפסלאז און אליינס איז בתי' אהיים מיט איר צובראכענע מאמע. משפחת מייזליק האט שוין מיטגעמאכט אסאך צער און ביטערניש, אבער אצינד אז זיי האבן נישט געהאט זייער טאטע, זייער וועגווייזער, זענען זיי געווארן צובראכן און פארלוירן און נישט געקענט אנגיין. דער טאטע האט זיי אריינגעברענגט אזא אמונה, אזא שמחה און אזא שטארקייט, און אצינד האבן זיי זיך געטראפן פארלוירן און אליינס.

ווי נאר די נייעס האט זיך פארשפרייט אז ר' יהודה לייב איז איינגעזעצט געווארן איז געווארן אזא אומאפיציעלע חרם ארויפגעלייגט אויף זיי. יעדער האט געוואוסט אז די דירה פון די מייזליק'ס איז אצינד אונטער א פארגרעסערונגס גלאז און דעריבער האט זיך קיינער נישט דערוואגט צו קומען באזוכן און קיינער האט זיך נישט אפגעשטעלט אין גאס שמועסן מיט זיי.

די דירה פון די מייזליקס איז געווארן איבערגעדרייט מאור לחושך, פון א הויז וואס האט געווירבלט מיט געסט און שמחה צו א פארלאזטע פארוויינטע שטילע אפגעזונדערטע דירה. די צער איז געווען שטיקעדיג.

דורך די וואך האט מען עס נאך ווי נישט אריבערגעשטופט, אבער ווען עס איז געקומען שבת און די קביעות'דיגע געסט זענען נישט געקומען און דער טאטע האט נישט קידוש געמאכט, האט דאס צובראכן זייער הארץ אויף שברי שברים.

ווען בתי' האט געזען ווי איר מאמע צינדט ליכט דעם ערשטן שבת אן דעם טאטן איז איר געווארן טינקל און זי האט געשפירט ווי די טרערן קומען איר. אבער איר ערליכע מאמע האט איר אויפגעוועקט און געזאגט צו איר אז שבת דארף מען זיין פרייליך. דאס אז מיר זענען אידן און אז מיר זענען זוכה צו היטן שבת דאס דארף אונז שטארק מחי' זיין.

דאס איז וואס דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אונז כסדר אז עס איז דא איין שמחה פון וואס דער יצר הרע קען אונז נישט אראפווארפן. דאס איז די שמחה פון שלא עשנו גוי. ווייל אלעס קען מען אונז צונעמען, די געלט, די כבוד, די משפחה אבער אונזער סטאטוס אלץ א איד, דאס קען קיינער נישט אויסרייסן און מיט דעם דארפן מיר זיך אזוי מחי' און מחזק זיין.

ביילא האט מחזק געווען בתי' אז דוקא ווען מען שפירט אזוי צובראכן איז אן עקסטערע מצוה אריינצוברענגען א שמחה אין שבת. אויך האט זי געזאגט אז בזכות דעם וואס מען וועט זיך אנשטרענגען מיט עקסטערע כוחות מכבד צו זיין דעם שבת וועט דער טאטע אהיימקומען.

מיט אזעלכע לויטערע ריינע אמונה ווערטער האט זיך בתי' געשטארקט און געקענט בלייבן פרייליך.

עס איז אריבער א וואך און וואך און דאן איז געקומען פסח. דער טאטע איז נאך אלץ נישט געווען צוריק. אנדערש ווי אלע יארן, וואס די סדר פון ר' יהודה לייב האט געצויגן אידן פון נאנט און ווייט, איז יעצט געזעצן בלויז ביילא און בתי', אליינס און איינזאם.

בתי' דערציילט אין אירע זכרונות אז זי האט זיך באמת פראבירט צו האלטן שטארק און נישט וויינען אבער ווי נאר זי האט אנגעהויבן זאגן די הגדה האט זי אויסגעשעסן אין א אומבאהערשנדער געוויין פון וועלכע זי האט זיך נישט געקענט בארואיגן.

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמענביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## מיין זעקלביינער

עס איז נאך מיין קאפ,
ווי א קימפעטאורן.
איך געדענק נישט קיין טראפ,
שוואך די זכרון.

איך בין געווען ביים שיעור,
מיין גוף, מיין הענט, מיין פיס.
אבער צו איבערגעבן דיר?
איך געדענק נישט די שמועס.

וואס איז געווען די point,
פון מיין גאנצע קומען.
צו האט זיך עס מיר געלוינט?
גארנישט מיטגענומען...

מניעות כ'האב געהאט,
שטרויכלונגען און שטיינער.
געלייגט עס אין א זייט,
געברענגט מיין זעקל ביינער.

אפילו איך זע נישט גלייך,
וואס איז דא דער אויפטו,
איך געדענק נישט קיין זאך,
אומזוסט געווען מיין מיה...

איך קום צו די שיעורים,
ווייל איך גלייב פעלזן פעסט,
אז מיטן רבין'ס דיבורים,
צום סוף אנקומען וועסט!
ווארט נאר ווארט מיט געדולד,
דער רבי האט א כח!
וועסט נאך זען א שיינע בילד,
א ריינע קלארע מח!

אז איך קום צום רבין,
צום הייליגן היכל,
וועט זיך אין מיר אנקלעבן,
דעם רבין'ס זיסע שכל!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 2212-444-9169**



ג. פעקעטע

# וואו ווענדסטו דיינע פיסטריט?

איר האט שוין אמאל געזען אז שיך זאלן קומען צו גיין פון זיך אליינס? איך אויך נישט! ס'איז נישטא אזא דערהער.

חאצקל האט געהאט א שטוב מיט קינדער, וואס האבן זיך וויכטיג געגוויטיגט אין נייע שיך. אויפן גאס איז חאצקל געווען א שיינער איד, אן ארויפגעקוקטער, אנערקענטער, חשוב'ער אינגערמאן, וואס האט פארברענגט זיינע טעג אין די ווענט פון בית המדרש.

ער האט עס אמת'דיגע געמיינט. ער האט געלערנט, געהארעוועט און געשטיגן אין תורה. מענטשן פלעגן זיך קומען שואל עצה זיין מיט אים, ווי אויך האט מען געפילט פאר א זכי'ה צו קענען לערנען מיט אים.

וויבאלד חאצקל האט זיך ארייגעלייגט אין לערנען, האבן זיינע עלטערן אים פרובירט שטיצן, זייער זון זאל קענען ווייטער שטייגן בהתמדת התורה אן דאגות הפרנסה. זיינע עלטערן זענען זייער צופרידן געווען מיט דעם אז חאצקל בלייבט ביים לערנען. חאצקל'ס ווייב, כאטש וואס עס איז געווען איר שטרעבן אין לעבן צו האבן א מאן וואס בלייבט אין בית המדרש, און דאס זאל זיין זיין יגיע כפיך, איז איר דאך געווען שווער דורך צו מאכן די טאג, וואך און חודש. אפגערעדט ווען ס'איז געקומען נאנט צו די ימים טובים אדער א נייע סעזאן, האט זי געשפירט זייער איבערגעשטרענגט. זי פלעגט זיך צומאל פון ענגשאפט זיך אפרעדן ווי שווער איר לעבן איז איר, טראץ וואס איר מאן איז טאקע פארנומען מיט די בעסטע סחורה - לערנען תורה, אבער דאך דארף דא ווערן א שבת, א יום טוב, וועש, פארעכטן זאכן, צומאל א נייע אפלייענס וואס

דארף ווערן באצאלט... און זיי האבן נישט געהאט פון וואו צו שלעפן.

ווען ס'איז געקומען אזא אנגעשטרענגטע צייט, האט זי זיך נישט געקענט צופיל באהערשן און האט אויסגעפלאצט מיט טענות און שרייערייען אויף איר חשוב'ער מאן חאצקל. "ס'איז נישט גערעכט אז מיר זאלן נישט קענען האבן אויף צו לעבן! וואס וועט דא זיין? איך דארף האבן פלייש, איך דארף האבן שיך און קליידער. די קינדער הייבן אן א נייע יאר סקול- סקול סופלייס- קאסט! געלט פאר די ביכער און ספרים- קאסט! איינשרייבן נייע קינדער- קאסט!" און אזוי האט זי ווייטער אויסגערעכנט אלעס וואס קאסט".

חאצקל, וואס גייט געווענליך מיט א גראדן רוקן טראגנדיג די כבוד שמים, איז אזוי באוואשן געווארן ביז זיין גאנצע געשטאלט איז איינגעפאלן. "לאמיר פרובירן זען וואס איך קען טון" האט ער בארואיגט זיין ווייב. "דו האסט עס שוין געזאגט טויזנט מאל" שרייט זי צוריק פון גרויס קלעם. חאצקל האט איר געלאזט אויסרעדן און איר נאכאמאל געזאגט אויף א וועג- ממש צוזאגן, אז ער וועט טון וואס ער קען אהיימצוברענגען אפאר דאלער מען זאל קענען גיין איינקויפן שיך פאר די נייע יאר.

חאצקל האט געוואוסט די ברייטהארציגקייט פון זיינע עלטערן, ווי זיי זענען שטאלץ און צופרידן מיט זיין התמדת התורה. ער האט געוואוסט אז ס'דא געלט דארט, אבער ס'איז נישט איינגענעם ציצוקומען צו יענעמ'ס טובות. פארנאכטס איז חאצקל אריבערגעגאנגען א באזוך צו זיינע עלטערן.

גלייך ביים אריינקומען האט שוין זיין חשוב'ע מאמע באמערקט אז עפעס דריקט חאצקל. "ווי אזוי גייט עס? מיין טייערער זון חאצקל, וואס מאכט דיין משפחה?" חאצקל האט פרובירט אביסל רעדן און שמועסן, און איבערגעבן די נחת. אזוי בשעת'ן שמועסן, פון אומרואיגקייט און אנגעצויגנקייט, האט חאצקל אנגעהויבן כאפן א שפאציר אריבער די גאנצע קאך, וואס פארמאגט אפילו אין זיך אן אינזל, ביז זיין מאמע האט זיך אויסגעדריקט: "חאצקל, מיין קאפ הייבט אן שווינדלען פון זען ווי דו דרייסט זיך אזוי ארום. וואס גייט פאר?"

חאצקל האט געשפירט אז דאס איז א גוטע געלעגנהייט, און ער האט פרובירט די בעסטע צו שתדל'ען פאר זיך און זיין משפחה. "די קינדער"... הייבט ער אן שטאמלען. "נו, אלעס איז מסודר מיט די קינדער? יעדער איז געזונט?"

"יא! הודו לה', יעדער איז געזונט און שטארק, ס'איז נאר אז מען הייבט יעצט אן די נייע זמן"...

ד באבע הייבט אן גיסן ברכות, זיי זאלן אלע מצליח זיין און שטייגן אין זייער עבודת ה', און אהבת התורה. חאצקל הייבט ווייטער אן זיין שפאציר, און פראבירט נאכאמאל רעדן אזוי ארום און ארום.

דאסמאל האט עס אויסגעקוקט ווי חאצקל כאפט א שפאציר אין א גארטן. "לכבוד די נייע זמן" פרובירט חאצקל נאכאמאל "דארף מען דאך צוגרייטן די קינדער, זיי דארפן זיין גרייט אויפן ערשטן טאג."

"אוי, זאג מיר נישט" שרייט אויס זיין מאמע מיט א ביטערע געוויין "זאג מיר נישט אז דו דארפסט צוריק לייגן יוסעל'ע א כתה, ס'וועט דאך זיין אזא מין בושה פאר די גאנצע משפחה, זאג מיר דאס נישט, זאג מיר נישט אז יוסעל'ע האט נישט אויפגעכאפט די עברי, און מען לאזט אים נישט אריינגיין אין א נייע כתה. אדער חלילה" - הייבט זי אן וויינען און גיסן טרערן - "אז ער דארף גיין אין אן עקסטערע חדר, געאייגנט פאר קינדער וואס כאפן נישט אויף די לימודים." זי האט מער ווייטער נישט געקענט רעדן פון די שטראם טרערן, און איר הויכע כליפערן.

חאצקל פרובירט נאכאמאל, "מאמע, מאמע, זארג נישט, די קינדער זענען פיין, יעדער איז געזונט, מען לערנט פלייסיג, ס'הייבט זיך אן די נייע יאר, נאר איך וויים נאכנישט ווי אזוי זיי זאלן גיין אין חדר און אין שולע."

פון איר הויכע געוויין האט חאצקל נישט געהאט קיין שום ברירה, נאר צו ווייטער רעדן, "די פראבלעם איז, זיי גייען דאך מיט צוריסענע שיך, איך וויים נישט אויב זייערע שיך וועלן זיי טראגן, מען קען דאך נישט גיין מיט א צוריסענע זומער סאנדל, אין די נייע שולע יאר. די קינדער, זיי דארפן קענען גיין מיט שטארקע שיך וואס זאל זיי אונטערהאלטן פאר די גאנצע יאר ווי אויך וויל מיין ווייב עס זאל זיין פונקט די זעלבע ווי די אנדערע קינדער און זייער קלאס."

ווי פון א קראן- האט זיך די טרערן אין די אויגן פון די באבע אפגעשטעלט- און א גרויס שמייכל האט באלאכטן די פנים פון באבי כ"ץ. "חאצקל, מיין טייערער זון" זאגט זי אים מיט א שטיקל מוסר אין איר שטימע "פארוואס האסטו מיר גלייך נישט געקענט זאגן, אז די קינדער דארפן האבן נייע שיך צום נייעם יאר?!"

יעצט איז געווען חאצקל'ס רייע אראפצונידערן זיינע אויגן. "גיי ברענג מיר מיין טאשקע און לאמיך דיר געבן אפאר דאלער זאלסט קענען קויפן פאר די קינדער שטארקע שיך וואס זאל זיי אויסטראגן א גאנצע יאר, און דאס זאל זיי העלפן טאקע גיין שטענדיג אויף די ריכטיגע וועגן, אין די דרכים פון אונזערע עלטערן, צדיקים און אבות הקדושים".

"אזא רחמנות אויף חאצקל" - טראכט באבי כ"ץ שפעטער, ווען ער איז ארויס, צוריק מיט זיין גראדע רוקן און לייכטע פיס טריט, אזוי צובראכן און מיטגעמאכט. זיין ווייב פארשטייט נאכנישט די עסק פון התספקות במיעוט, א שאד קיינער קען איר נישט דערלערנען די ענין פון נישט צאפן דעם מאנ'ס בלוט, זיך באגיין מיט פשוט, ביליג און שיין.

נו, וואס טו איך נישט פאר מיין זון, ער זאל נישט דארפן זיין אזוי צובראכן און צודריקט" - גראדט זיך אויס די שורות אויף באבי כ"ץ'ס פנים. אזוי צושפרייט זיך א צופרידענע שמייכל איבער איר גאנצע געזיכט, טראכטנדיג פון איר טשאטשקע זון, וואס טראץ זיינע שוועריגקייטן, דחקות און דריק, גייט ער ווייטער אן מיט זיינע שיעורים און לימודים אין תורה.

א רחמנות אויף אזא איינער וואס דארף שטענדיג צוקומען צו יענעם. מיר בעטן דאך יעדן טאג 'ונא אל תצרכינו ה' אלוקינו, לא לידי בשר ודם', מוהרא"ש ערקלערט דאס זייער קלאר. מען זאל בעטן אויף די ריכטיגע לא לידי- איך זאל נישט דארפן צוקומען צו קיין מענטשן, נישט דארפן פון קיינעם קיין אטענטשין, (בלע"ז אויפמערקזאמקייט).

איך וויל דאך נישט אויסזען ווי חאצקל וואס דארף זיך ווענדן פאר יעדע קליינע און גרויסע זאך צו זיין באקאנטע, זיך בעטן ברחמים ותחנונים אז מען זאל אים ארויסהעלפן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס געשריבן אין עצתו אמונה דערוועגן- אז איינער געבט דיר א מתנה אדער געלט איז נישט קיין פראבלעם עס אנצונעמען, נאר אין די מח, זאל מען זיך היטן פון זיין א נצרך לבריות- איינער וואס דארף שטענדיג צוקומען צו יענעם. דאס איז שוין א קטנות, דאס איז שוין אן עני.

"הייליגער באשעפער איך וויל קיינמאל נישט זיין אנגעהאנגען אין יענעמ'ס גוט ווארט, שמייכל, אדער קוק פון אפראוול, צו קענען זיין אמת'דיג פרייליך אדער צופרידן מיט זיך. העלף מיר טאטע איך זאל נישט דארפן צוקומען צו א צווייטן כדי אז איך זאל זיך שפירן חשוב טייער און באליבט ביי דיר, נאר איך זאל שטענדיג גיין גלייך צו דיר, און טראכטן 'וואס זאגט מען אויף מיר אויבן' אזוי ווי די צדיקת אדל - די טאכטער פון דער בעל שם טוב, די באבע פון דער הייליגער רבי', פלעגט ארומגיין א גאנצן טאג מיט די איין מחשבה, 'ווי אזוי קען איך מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן'."

ווי אזוי ווער איך חשוב און טייער? אז איך וועל אנגיין אין מיין לעבן אן די גוט ווארט פון מיין מאן, אן די גלעט פון מיין מאמע, די קאמפלימענט פון מיין שכינה... און איך וועל נישט צופאלן ווערן ווען איינער וועט זאגן א קרום ווארט אדער א שטער אין מיין ריכטונג, ווייל איך דארף דאך נישט צוקומען צו דיין ווארט, צו דיין טובה. איך האב א טאטע און הימל צו וועם איך ווענד זיך און איך טו דאך אלעס נאר פאר אים. איך בין נישט קיין נצרך לבריות, מיין מח טראכט נישט וואס דו האלטסט אויף מיר, נאר איך טראכט 'וואס קען איך טון פארן אייבערשטן, מיטן אייבערשטן, וועגן דעם אייבערשטן, נאנט צו ווערן צו מיין ריכטיגע געבער'.

א רחמנות אויף א מענטש וואס זיין גאנצע ימים טובים, זיין גאנצע נייע סעזאן, זיין גאנצע שלום בית, זיין גאנצע זעלבסט ווערד, קרבות לצדיק איז געמאסטן נאר אויב איינער וועט אים קאמפלימענטירן און זאגן 'יא, דו האסט עס'.

"הייליגער באשעפער איך וויל זיין אנגעהאנגען און צוגעבינדן נאר אין דיר, נישט דארפן צוקומען צו יענעמ'ס אפראוועל און נאר אזוי זיך שפירן גוט, עס זאל מיר בכלל נישט גליסטן יענעמ'ס גוט ווארט, און זיכער זאל מיר נישט באדערן וואס א צווייטער טראכט אדער זאגט אויף מיר."

נ.ב. מיט תפילה זענען שוין שיך געקומען צו גיין צום טיר אויך...


ברווח פלאץ פאר נאך 200 קינדערלעך
הרחבת הדעת פאר די מלמדים
איבער 9000 סק' פוס
קרן הבנין
מגבית
הרחבת
גבולי קדושה
פרטים יבואו
*sruliHeskel

קינדער בלעטל

**די שכר פאר ווער עס געבט צדקה**

- א שטיקעלע ספר המדות

**אז אויל קען ברענען קען עסיג אויך ברענען!**

- מענטשערליך




# אומאן ראשהשנה
פראגראם

דעדליין אריינצושיקן ענטפערס
פארן ראש השנה פראגראם
**איז זונטאג כי תבוא**

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "ווער ס'איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה דארף זיך זייער פרייען!"

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**
**________ ראש השנה פיר איך אריבער**
**אלע מיינע מענטשן**

א. דעם ערשטן נאכט
ב. ביי ונתנה תוקף
ג. ביי תקיעת שופר
ד. דעם צווייטן טאג

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ר' נתן האט געזאגט: "איך האב מער ארויסגעהאט דעם רבי'ן פון זיינע שיחות און שמועסן!"

## געב א שמייכל

**וואס געשעט ווען מעןווארפט אריין א רויטע באלי אין ים המלח?**

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**סב. מִי שֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה, שְׂכָרוֹ שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמֶת.**

וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה, וֶועט בַּאקוּמֶען שְׂכַר אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּם אֱמֶת.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג), **און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **נחמן נתן רוטה - כתה א' - קרית ברסלב**

# מענטשערליך

## זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְֿן

### שֵׁיינְדִי

אִיז דִי גְרוֹיסֶע מֵיידְל אִין קָאנְטְרִי, זִי אִיז שׁוֹין 11 יָאר אַלְט. זוּנְטָאג צוּפְרִי הָאט זִי אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע טָאפּ אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַּאר דִי אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ וִוי אַזוֹי צוּ צוּגְרֵייטְן דִי פִּינַאט טְשָׁא פַאר דִי קַארְנִיוְועל, וָואס וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם פָארְקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג.

אֶסְתִּי הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן דִי פִּינַאט בָּאדֶער, פֶּערֶעלֶע הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן הָאנִיג, שָׂרִי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי צוּקֶער, קֵיילִי הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן אַ גַאנְצֶע בַּאקְס סִירִיעֶל. אוּן יֶעצְט וֶועט דִי גְרוֹיסֶע מֵיידְל שֵׁיינְדִי אַרַיינְטְרָאגְן דִי טָאפּ, אַז אִיר מַאמֶע זָאל עֶס קֶענֶען אוֹיפְקָאכְן עֶס זָאל וֶוערְן וֵוייךְ, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען עֶס קֶענֶען אוֹיסְמִישְׁן גוּט.

אָבֶּער נָאכְן צוּדֶעקְן דִי טָאפּ הָאט שֵׁיינְדִי גֶעדַארְפְט שְׁנֶעל אַרַיינְלוֹיפְן וַוייל אִיר מַאמֶע הָאט אִיר גֶערוּפְן צוּ הֶעלְפְן, אוּן דִי טָאפּ אִיז גֶעבְּלִיבְּן וַוארְטְן בִּיז שֵׁיינְדִי עֶנְדִיגְט הֶעלְפְן אִינְדֶערהֵיים.

דִי מַאמֶע הָאט גֶעבֶּעטְן שֵׁיינְדִי זָאל קוּמֶען בִּיגְלֶען דִי פְרִישׁ אוֹיסְגֶעוַואשֶׁענֶע וַוייסֶע שַׁבָּת'דִיגֶע הֶעמְדֶער, וֶוען בִּיז דֶערְוַוייל פַארְצֵיילְט אִיר מַאמֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת.

פְּלוּצְלוּנְג גֶעבְּט זִיךְ אַ לֶעשׁ אוֹיס דִי בִּיגְלְאַייזְן וָואס לִיגְט אִין שֵׁיינְדִי'ס הַאנְט! אוֹי, וָואס אִיז גֶעשֶׁען? אוֹיךְ אַלֶע לֶעקְטֶערְ'ס הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן! אוֹי, סְ'אִיז אַ בְּלֶעקְאַוּט! שֵׁיינְדִי גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוּן זֶעט אַז אַלֶע לֶעקְטֶערְ'ס פוּן אַלֶע בָּאנְגֶעלָאוֹ'ס זֶענֶען אוֹיסְגֶעלָאשְׁן. וֶוען אִינְמִיטְן בַּאמֶערְקְט זִי דִי טָאפּ מִיט דִי פִּינַאט טְשָׁא, וָואס וַוארְט צוּ וֶוערְן גֶעקָאכְט. אוֹי וֵויי! מְ'קֶען עֶס נִישְׁט קָאכְן! וַוייל וֶוען סְ'נִישְׁטָא קֵיין לֶעקְטֶער אַרְבֶּעט נִישְׁט דִי אוֹיוְון.

שֵׁיינְדִי אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן. הָאט דִי מַאמֶע גֶעפְרֶעגְט: "שֵׁיינְדִי פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ?" הָאט שֵׁיינְדִי גֶעזָאגְט אַז אִיר גַאנְצֶע פְּלַאן פוּן מַאכְן דִי פִּינַאט טְשָׁא פַאר דִי קַארְנִיוֶועל גֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, וַוייל סְ'אִיז דָא אַ בְּלֶעקְאַוּט.

דִי מַאמֶע הָאט גֶעזָאגְט: "זָארְג זִיךְ נִישְׁט, דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַז מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן פַיינֶע פִּינַאט טְשָׁא וֶוען סְ'אִיז דָא לֶעקְטֶער, וֶועט הֶעלְפְן סְ'זָאל זַיין אַ גֶעלוּנְגֶענֶע קַארְנִיוֶועל, נִישְׁט קֵיין חִילּוּק אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג עֶר וֶועט הֶעלְפְן".

אַלֶע חַבֶר'טֶעס, גְרוֹיסֶע אוּן קְלֵיינֶע הָאבְּן גֶעהָאלְפְן בֶּעטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מְ'זָאל קֶענֶען מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע גֶעלוּנְגֶענֶע קַארְנִיוֶועל, אוּן אוּנְזֶער פִּינַאט טְשָׁא זָאל



בילדער ח. שטיינבערג



אַרויסקומען גוט!".

די מאַמע האָט זיך אַראָפּגעזעצט אינדרויסן, ווייל אינעווייניג איז סיי־ווי געווען אַביסל טונקל, און זי האָט פאַרציילט אַ מעשה פון די הייליגע גמרא:

איין מאָל האָט דער הייליגער תּנא ר' חנינא בן דוסא געזען ווי זיין טאָכטער איז צוברָאכן, האָט ער איר געפרעגט, פאַרוואָס ביסטו צוברָאכן? האָט די טאָכטער געענטפערט: "ווען איך האָב אָנגעגרייט די שבת ליכט האָב איך בטעות אַריינגעגאָסן עסיג אַנשטאָט אויל, און איך בין יעצט באַזאָרגט אַז די ליכט וועט זיך אויסלעשן, ווייל אויל מאַכט אַז פייער זאָל ברענען און עסיג נישט". האָט איר הייליגער טאַטע - ר' חנינא בן דוסא זיך אָנגערופן: "וואָס באַדערט דיר? דער זעלבער באַשעפער וואָס האָט געזאָגט פאַרן אויל עס זאָל ברענען, ער וועט זאָגן פאַר די עסיג עס זאָל ברענען!"

אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט, די ליכט האָט געברענט אַ גאַנץ שבת ביז הבדלה, און מען האָט פון דעם גענומען ליכט צו מאַכן די ברכה ביי הבדלה.

ווען די מאַמע האָט געענדיגט פאַרציילן די מעשה האָבן די מיידלעך געזאָגט שכּח, און געהאָפט אַז ביי זיי וועט אויך געשען די נס, און דער אייבערשטער וועט העלפן אַז זייער פּינאַט טשאַ און די גאַנצע קאַרנזוועל וועט זיך גוט אויסאַרבעטן.

שיינדי האָט געעפנט די דעקל פון די פּינאַט טשאַ, און וואָס זעט זי? אַלעס איז געוואָרן ווייך און אויפגעלאָזט, די זון האָט שטאַרק געשיינט אויף די אייזערנע טאָפּ, אַייזן ווערט גוט הייס ווען ס'ליגט אונטער די זון, אַזוי אַז ס'איז געוואָרן ממש אַזוי ווי אויפגעקאָכט. מען האָט עס געקענט גוט אויסמישן און נאָכדעם אויסשפּרייטן אין אַ בעקעלע. מ'האָט עס צושניטן אין שיינע שטיקלעך, שכּח אייבערשטער!

עס איז געוואָרן נאָכמיטאָג, ווען אַלע גרעסערע מיידלעך האָבן פעסט געאַרבעט צו אויסשטעלן שיין די טישלעך, און נאָכדעם האָט מען גערופן אַלע קלענערע קינדער צו שפּילן די געים'ס. די גרויסע קינדער האָבן מיט געדולד אויסגעלערנט די קלענערע ווי אַזוי צו שפּילן און מיט די טיקעט'ס האָט מען געקויפט די פיינע פּינאַט טשאַ מיט קאַלטע וואַסער. אַלעס האָט זיך אויסגעאַרבעט בעסער ווי מ'האָט געקענט טראַכטן פון פאַרדעם.

די מאַמע'ס זענען געווען פריילעך, ווייל ווען ס'דאַ אַ בלעקקאַוט איז אַסאַך זאַכן שווערער, און כאָטשיג זענען די קינדער געווען פריילעך.

די קליינע קינדער זענען געווען פריילעך ווייל די גרויסע האָבן אַזוי שיין געערעדט צו זיי און געשפּילט מיט זיי, אַז זיי האָבן אפילו נישט געדענקט אַז אין די באַנגעלאָו איז טונקל.

די גרעסערע קינדער זענען נאָך געווען די מערסטע פריילעך, ווייל זיי האָבן געזען ווי דער אייבערשטער האָט טאַקע געמאַכט מיט זיי די נס, אַז ס'איז געווען אַזאַ געלונגענע טאָג. ביינאַכט ווען יעדער איז שוין געגאַנגען שלאָפן האָט זיך ברוך ה' אָנגעצינדן אַלע לעקטער'ס.



# קליין און פיין



אברהם יודא הורוביץ




יצחק מזרחי



בייניש שארף



גיטי ניישטיין



פייגעלע פרידריך



סילקי ראטענבערג



בית פיגא ירושלים עלטערע קלאס

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



יהושע שטיינבערג





פייגעלע און חילע לאנדא



צפורה בירנבוים



יודל יאקאבאוויטש



שלמה יאקאבאוויטש



ליפא און יוסי פארקאש

# מִשְׁפַּחַת גְלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

**מ**ענְדִי:

אַ מְחַיֶּ'ה, אַ גֶעשְׁמַאקֶע שַׁבֶּת'דִיגֶע סְעוּדָה, טַאטִי הָאט נָארְוָואס גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה, און מַאמִי מִיט צִירִי בְּרֶענְגֶען אַרַיין דִי וַוארֶעמֶע טְשָׁאלְנְט, אַה... ס'שְׁמֶעקְט גוּט...

אִיךְ הָאבּ פַארְצֵיילְט פַאר מַיין טַאטֶע אַלֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן און אַקְטִיוִויטֶעטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי וָואךְ אִין קֶעמְפּ.

"אָה, כְ'הָאבּ אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָה!" - הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט.

"לָאמִיר הֶערְן פוּן יֶעדְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָה, און מְ'וֶועט טֵיילְן אַן אַייסֶעס פַאר יֶעדֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָה" - הָאט טַאטִי גֶעזָאגְט.

"וֶועלְוֶועלֶע און הֶענְדִי זֶענֶען נִישְׁט בַּיים טִישׁ - הָאט צִירִי בַּאמֶערְקְט - כְ'מֵיין זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּגְרֵייטְן אַ פְּלֵעי".

טַאטִי הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "וֶועלְוֶועלֶע און הֶענְדִי קוּמְט'ס אַהֶער!" שְׁטִיל.

קֵיינֶער רוּפְט זִיךְ נִישְׁט אָן.

"וֶועלְוֶועלֶע און הֶענְדִי, מְ'גֵייט פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָה!" הָאט טַאטִי נָאכְאַמָאל גֶערוּפְן.

וַוייטֶער שְׁטִיל.

"וֶועלְוֶועלֶע און הֶענְדִי!" - טַאטִי'ס קוֹל אִיז גֶעוָוארְן שְׁטְרֶענְג - "אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶערוּפְן, וֶוען אַ טַאטֶע רוּפְט דַארְף מֶען גְלַייךְ קוּמֶען!"

זֵיי הֶערְן נִישְׁט? הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט, אָדֶער זֵיי וִוילְן נִישְׁט הֶערְן?

טַאטִי הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ צִירִי'ס רִיכְטוּנְג: "צִירִי, לָאמִיר הֶערְן דַיין מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָה!"

"כְ'הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי אַייזְקְרִיעֶם, וָואס כְ'הָאבּ גֶעמַאכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען גוּט, און שְׂכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער ס'אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶעלִישֶׁעס!"

"ס'אִיז טַאקֶע גוּט!" הָאט יֶעדֶער בַּיים טִישׁ צוּגֶעשְׁטִימְט, דָאס מֵיינְט טַאטִי, מַאמִי און אִיךְ. וֶועלְוֶועלֶע און הֶענְדִי זֶענֶען נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

אָה, אוֹיךְ נָתִי הָאט נָאכְגֶעזָאגְט וִוי אַ פָּאפֶּעגַיי, אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט אַלֶעס נָאךְ.

צִירִי הָאט בַּאקוּמֶען אַן אַייסֶעס און יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען מַיין רַייע צוּ פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָה.

"מִיטְוָואךְ, בַּיים שְׁוִוימֶען, הָאבּ אִיךְ פְּלוּצְלוּנְג בַּאקוּמֶען אַ פַּחַד אַרַיינְצוּגֵיין אִין פּוּל. הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז ס'זָאל מִיר און קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען, און אִיךְ זָאל מוֹרָא הָאבְּן נָאר פוּנֶעם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מוֹרָא הָאבְּן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה ח"ו. גְלַייךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארוּאִיגְט און גֶעשְׁמַאק גֶעשְׁוִוימֶען און הֲנָאָה גֶעהַאט!"

"אַ הֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה!" - הָאט טַאטִי אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט - "אַ אִינְגְל וָואס הָאט שֵׂכֶל צוּ בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ און יֶעדֶע גֶעפִיל, קוּמְט אִים טַאקֶע אַ פַיינֶע אַייסֶעס!"

"נָתִי הָאט אוֹיךְ אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָה?" - הָאט טַאטִי גֶעפְרֶעגְט.

**ל. סאקס**

"יָא - נָתִי אִיז אוֹיפְגֶעשְׂפְּרוּנְגֶען מִיט עֶרְוַוארְטוּנְג - כְ'הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ פַּיינֶע אַייסֶעס, אוּן שְׂכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער טַאטִי גֵייט מִיר שׁוֹין גֶעבְּן אַ אַייסֶעס!"

יֶעדֶער הָאט זִיךְ צוּלַאכְט, אוֹי, אִיז עֶר אַ חֶבְרָה'מַאן!

"רַבּוֹתַי, מְ'גֵייט שׁוֹין בְּענְטְשְׁן!" הָאט טַאטִי גֶעזָאגְט קְלַאפְּנְדִיג אוֹיפְן טִישׁ.

"הֵעי, כְ'הָאבּ נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ אַייסֶעס!"

אָה, פְּלוּצְלוּנְג זֶענֶען זֵיי דָא, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין דֶערְמַאנְט, וואוּ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט?

טַאטִי הָאט שְׁטְרֶענְג גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ זֶענֶען אַייךְ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט? כְ'הָאבּ אַייךְ גֶערוּפְן אַפָּאר מָאל!"

"מִיר הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז... אָהמְ... אָהמְ..." - וֶועלְוֶועלֶע הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט זַיין קָאפּ פַארְשֶׁעמְט... - "אַז וֶוען מֶענְדִי גֵייט עֶנְדִיגְן פַארְצֵיילְן זַיין מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָה, גֵייעֶן אוּנְז קוּמֶען צוּלוֹיפְן, אָבֶער אָהמְ... אִינְמִיטְן, הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס סְ'גֵייט פָאר בַּיים טִישׁ אוּן אוּנְז הָאבְּן פַארְגֶעסְן צוּ קוּמֶען..."

"קִינְדֶער גֶעדֶענְקְט גוּט, מְ'דַארְף קוּמֶען גְלַייךְ וֶוען אַ טַאטֶע רוּפְט!"



# גמאלן

א מעשה פון תפלה




רבקה וועבערמאן תחי׳
קרית ברסלב




שמואל בירנבוים נ״י
קרית ברסלב

שיקט אריין אייער מאלערייען צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**יו"כ קטן ער"ח אלול אין היכל הקודש בני ברק**





**יו"כ קטן ער"ח אלול אין היכל הקודש ירושלים**



**אנשי שלומינו לערנען שיעורים כסדרן אין מחנה אילן החיים**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, שמואל בלעדי, משה רעכניצער



דער דיין שליט״א גייט אדורך מיט די שוחטים די חלף



אין א שמועס מיט מו״ה אהרן וועבערמאן הי״ו



מען לערנט תיקוני זוהר



אין א שמועס מיט מו״ה אלי קנאלל הי״ו און
מו״ה משולם סינטער הי״ו



פרייליכע טענץ אין ישיבה



פרייליכע חתונה פון החתן מו"ה דוד טשינגל הי"ו עב"ג בת מו"ה נפתלי זאבעל הי"ו



דרום וואנט פון נייעם בית המדרש ווערט שיין פארענדיגט









**קריאת שמע ליינען און ברית פון הילד בן מו"ה יעקב הלל פארקאש הי"ו**



**שיעור ליל שישי ראה**